STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01652

HOVAS NOSHIM

Permanent preservation of this book was made possible
by Tom Feingold
in honor of
his grandmother Rose Feingold, the hero in his life

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

חובת נשים

אין צווייא חלקים

אין ערשטין חלק געפינט זיך אלע מצות וואס האבין איין געשטעלטע צייט. אונ וואס האבין ניט איין געשטעלטע צייט. אויך די דינים פון באוונען פון שבתות אונ ימים טובים. אונ ימים נוראים:

אין אנדערין חלק געפינט זיך גאנץ הלכות נדה. אויך פיל אנדרע הייליגע דינים וואס ווייבער דארפין אין זיי נזהר זיין. ובזכות דעם וועלין זייא זוכה זיין צוא די הייליגע שיין. ווייא משיח צדקנו וועט אין ירושלים אריין. במהרה בימינו אמן:

דעם לוח אין וועלכין כלל יעדען דין צו געפינען האבין מיר געשטעלט צום לעצטין:

בהוצאות בית מסחר הספרים של צ. קאפעלאוויץ בדווינסק.

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

עתר.

ХОВАТЪ НОШИМЪ.
Обязанности женщинъ.
1909.

ВИЛЬНА. Типографія **«Вдова и бр. Роммъ».**
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. **собств. домъ № 1-2.**

הקדמה

די הייליגי ספרים שרייבן אז ווייבר מיט זייערע מצות קענן אזו פיל זוכה זיין וויא מאנס לייט . אונ קענן אויך קומן צו איין גרויסע מדריגה ווי די גרעכטע צדיקים לעולם הבא . אז זיי זענן די מצות מקיים . אבר בעונותינו הרבים איז ביז יעצט ניט נתחבר געווארן קיין ספר וואס זאל כולל זיין די אלע דינים וואס גאר צו ווייבר געהערן אויף די שפראך וואס ווייבר זאלן קענן לערנן און פר שטיין און וויסן . דעריבר ווייסן ניט פיל ווייבר די אלע דינים וואס אן זיי געהערט . אונ זיי זענן בלינדר דריגען . זיי ווייסען נאר צו טוען וואס זייערע עלטערן האבן זיי גיהייסען . דער פון קומט ארוס פיל מכשולים . דיא אשה איז דאך די עקרת הבית . אונ פון איר הענגט אפ די גאנצע פירונג פון הויז . אונ אז זי ווייס ניט דעם ריכטיגן דין וואס עס אן איר געהער . קען חס ושלום דר פון פיל שלעכטס ארוס קומען . עס איז פר האנדן פיל דינים וואס זיי ווייסן גאר ניט אוב מען דארף אויף זיי פרעגין איין שאלה . וויא פיל איסורים . ווי פיל מכשולים . ווי פיל קלקולים קען דר פון חס ושלום ארוס קומן . ובפרט די דינים וואס נאר אן ווייבער געהערן . די דארפן זיי דאך גווים וויסן . דעריבר האט אמאל הרב הגאון והצדיק כוהר״ר משה טייטלבוים זצ״ל אב״ד דק״ק איהעל מחבר געווען דעם ספר (מעין טהור) וואס איז כולל דינים פון הלכות נדה און פלייש זאלצן . בכדי ווייבר זאלן דיא דינים וויסען . דר זכות פון דעם דאזיגן צדיק איז דר פר גווים גרוס . אבר ווי מיר האבן דעם ספר געזעהן איז ער נאך זייער ווייניג אונ קנאפ . דר דאזיגר צדיק הט פיל מקצר געווען ווייל ער הט דעם ספר געשריבן נאר פר זיין הויז געזינד . אונ די איבריגע זאכן וואס ער הט ניט געשריבן הט ער זיי גווים מיט זיין הייליג מול געזאגט . יעצט די ווייבר וואס לערנן דעם ספר קענן פון אים גאנץ ווייניג דינים וויסן . אונ די אנדערע פיל דינים וואס זענן גאר ניט דער מאנט אין דעם מעין טהור . ווייסן זיי גאר נישט . דעריבר ווייל מיר האבן דס גוט באמערקט אז די הייליגע שאף פון ישראל די נשים צנועות מוזין געבעך בלאנדזן און קענן ניט וויסן דעם רעכטן הייליגן וועג פון די אלע דינים וואס זיי דארפן היטין . אונ זיי זענן דאך אין זייערע דינים אויך אזו חייב ווי די מאנס לייט . אויך איז דא פיל דינים וואס זיי אונ די מאנס לייט זענן גלייך מחויב . און זיי האבן ניט קיין ספר וואס זיי זאלן קענן די אלע דינים לערנן . און דר חיוב פון תלמוד תורה ביי די דינים וואס אן ווייבר געהערן איז דאך גלייך אויף דיא ווייבער וויא אויף דיא מאנס לייט . אונ זייא וועלן

הקדמה

געשטראפט ווערין אויף עון ביטול תורה פון דיא דאזיגע דינים אזו גוט ווי דיא מאנס לייט. אונ נאך מער ווערן זיי געשטראפט אויף די זאכן וואס גאר אן זיי געהערין. אזו וויא הלכות נדה. אדער דיא זאכן וואס גאר דורך זייערע הענד גיאן אזו וויא פלייש זאלצן. אדער זעהן מאכלים צו עס איז דא ווערים. אונ אויך אזו פיל אנדערי זאכן. היינט וואס זאלין געבעך דיא נשים טאן ווען זייא האבן ניט קיין ספר דיא דינים צו לערנן. אוי ווייא דער עון ביטול תורה איז יוא דא אונ איין ספר אין וואס צו לערנן איז ניט דא. די נשים מוזן דאך די דינים לערנן אונ וויסן. אונ ווען איין אשה לערינט די דינים וועט זיא דאך אויך גווים האבן איין שכר אויף יעדער רגע וואס זיא לערינט אזו גוט וויא מאנס לייט. אונ איר שכר האט גווים קיין שיעור אונ קיין ערך אונ קיין גבול. ווארום לא די וואס זיא אליין וויים דעם דין איז זיא נאך מזכה איר הויז גזינד אז עס זאל קיין מכשול פון איין איסור אין איר הויז ניט טרעפן. וואול איז צו איר. וואול איז צו איר נשמה. אבר וויא זאלן זיי די ספרים נעמן. דעריבר האבן מיר יעצט אין דיזען ספר מעתיק געוועזין אלע דינים פון שלחן ערוך אורח חיים אונ יורה דעה אונ אבן העזר. אונ אויך פון אנדערע הייליגע ספרים. אונ מיר האבן ניט גזאלעוועט אונזר צייט צו די הייליגע מצוה פון מזכה צו זיין די הייליגע יודישע טעכטער מיט דיא אלע הייליגע דינים. דער כלל אין דעם ספר פעלט ניט קיין דין וואס איין יודישע טאכטער דארף וויסן אונ יעדער אשה וואס וועט לערנן דעם ספר אונ אין אים קלאר זיין וועט גווים פיל שכר האבן אן איין גבול אונ אן איין סוף. דריבר זאלין אלע ווייבר זעהן דיזן ספר צו לערנן אלע שבת אונ יום טוב אונ אויך אלע מאל ווען זיא האט צייט. בכדי זיא זאל אין אים גאנץ קלאר זיין. אונ וויינגסטענס אלע חודש איין מאל איבר צו חזרין בכדי זיא זאל ניט פר געסן. אונ זאל זייא אלע מאל ריכטיג וויסן אויסן ווייניג. אונ זיא זאל זייער שטארק האלטן אונ היטן דיא דינים. ובזכות דעם וועט זיא גווים זוכה זיין צו האבן גוטע אונ פרומע קינדער צדיקים תמימים וישרים וס וועלן זיין מורי הוראה בישראל. אונ זייער שכר וועט גווים זייער גרוים אונ פיל זיין אהן איין שיעור לעולם הבא. אונ וועלין זוכה זיין צו עושר אונ כבוד בעולם הזה. אונ בזכות דעם וועט משיח צדקנו קומן במהרה בימינו. אמן:

בירח סיון שנת תרכ״א לפ״ק

דברי המחבר

י. ש.

פתיחה

אין דער תורה הקדושה איז דא תרי"ג מצות (זעקס הונדערט מיט דרייצן מצות) דר פון איז דא רמ"ח מצות עשה (צווייא הונדערט אכט אונ פירציג געבאט) . דס איז וואס מען מוז זייא טאן . למשל צו עסין מצה אום פסח אונ צו פאסטן אום יום הכפורים . אונ שס"ה לא תעשה (דרייא הונדערט מיט פינף אונ זעכציג פארבאט) . וואס מען טאר ניט טאן . וויא למשל מען טאר ניט טאן קיין מלאכה אום שבת . מען טאר ניט עסין מאכלים וואס איז פר באטן . נאר צייט דר בית המקדש איז חרוב געווארן זענן זייער פיל מצות פר לארין געווארן . די אלע מצות וואס געהערן צום בית המקדש אונ דעסט גלייכן זענן בעונותינו הרבים יעצט ניט דא . אזו איז געבליבן דר צאל פון די מצות אין דר תורה מקיים צו זיין דרייא הונדערט אונ ניין אונ זעכציג . נאר אויף די מצות האבן אונז די חכמים געזאגט נאך דינים אונ כללים וואס געהער צו ווייבער ווי מיר וועלן ווייטער שרייבן :

חובת נשים

המצות שהנשים חייבות בהן

(די מצות וואס ווייבער זענן חייב זיי צו טאן) .

פרק ראשון

כלל א

דער ערשטער אונ דר גרעסטער כלל איז אין די מצות פר ווייבער דאס אלע מצות וואס האבן איין געשטעלטע צייט זייא מקיים צו זיין זענן ווייבער דער פון פטור :

כלל ב

דערייבער זענן זייא פטור פון טראגן ציצית . ווייל ציצית האט איין געשטעלטע צייט צו טראגן . דאס איז נאר ביי טאג איז מען מחויב אין ציצית אבר ביי דר נאכט איז ניט דא דיא מצוה פון ציצית בייא מאנס לייט . זענן דערייבר ווייבר אלע מאל פטור . אויך זענן זייא פטור פון טראגן תפילין . ווייל תפילין האט אויך נאר איין געשטעלטע צייט צו טראגן . דאס איז בייא טאג . אבער בייא נאכט אונ אויך אום

שבת

שבת אונ יום טוב לייגן מאנם לייט אויך קיין תפילין ניט. ווענן דריבער ווייבער פטור פון דער מצוה:

כלל ג

אויך זענן זייא פטור פון שופר בלאזן אום ראש השנה. אונ פון זיצן אין סוכה אום סוכות. אונ צו בענטשן אתרוג. נאר ביי דיא דריי מצות דאס איז שופר. סוכה. אונ לולב. ווען ווייבער ווילן מקיים זיין די מצות מעגן זייא. אונ זייא קענן אויך א ברכה מאכן אויף דיא מצות (אורח חיים סימן תקפ"ט סעיף ו' ברמ"א) נאר תפילין ווען זייא זאלען אפילו וועלין לייגן טארן זייא ניט אונ מען לאזט זייא ניט (סי' ל"ח ס"ג בהגהה):

כלל ד

נאר אבער דיא איבריגע מצות אפילו ווס האבן איין געשטעלטע צייט זייא מקיים צו זיין. זענן ווייבער מחויב וויא מאנם לייט. זייא זענן חייב אין קידוש אין הבדלה אום שבת אזו וויא מאנם לייט. הגם דיא מצות האבן דאך נאר אגעשטעלטע צייט אום שבת נאר אין די אלע דינים וואס געהערין צו שבת זענן ווייבער מיט מאנם לייט גלייך מחויב. זייא זענן אויך מחויב צו עסן דיא דריי סעודות וויא מאנם לייט (הלכות שבת סי' רצ"א סעיף ו'). נאר הבדלה מאכן איז גלייכער אז ווייבער זאלען דאס הערין פון מאנם לייט אונ יוצא זיין מיט דעם הערין. ווייל אנדערע זאגן אז פאר זיך אליין טארן ווייבער ניט מאכן קיין הבדלה (סי' רצ"ו סעיף ח') אונ ווענן ליכט אנצינדן אום שבת וועלן מיר ווייטער דער פון ריידן אי"ה:

כלל ה

אויך זענן זייא מחויב צו דאווענן. אזו וויא מאנם לייט הגם תפלה האט דאך אויך איין געשטעלטע צייט. דריי מאל אין טאג אין דר פריה אונ פר נאכט אונ אנפאנג נאכט. נאר ווייל דיא צייטן האבן נאר דיא חכמים געשטעלט. אבער פון דער תורה איז אלע מאל די צייט. אונ עס האט ניט קיין באשטימטע צייט. דריבער זענן זייא מחויב צו דאווענן. נאר נאך דעם טעם קענן ווייבער יוצא זיין מיט איין תפלה אין טאג. אין וועלכע צייט זיי ווילן. אונ וואס פר א תפלה זייא זאגן איז גנוג פר זייא. אנדערע זאגן דאס זיי זענן דריבער חייב אין תפלה ווייל דאס איז איין געבעט ביי גאט. אונ דיא ווייבער דארפן דאך אויך אזו בעטן ווי די מאנם לייט. אונ נאך דעם טעם מוזין זייא דאווענען וויא מאנם לייט גאר אן איין אונטער שייד (סימן ק"ו סעיף ב') נאר צו זאגן קריאת שמע

מיט

[..]יט די ברכות פון קריאת שמע דאס איז ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם [י]וצר אור ובורא חשך ביז ברוך אתה יי יוצר המאורות אונ אהבה רבה ביז הבוחר בעמו ישראל באהבה זענן ווייבער פטור. נאר אמת ויציב וואס דארטן שטייט אונזר ארוס גיין פון מצרים (ממצרים גאלתנו אונ אזו ווייטער) זענן ווייבער אויך מחויב צו זאגן (וויא דער מגן אברהם פסקת. נאר אנדערע חכמים זאגן אז זיי זענן פון אמת ויציב אויך פטור):

פרק דיני יום טוב שני

כלל א

די דינים פון פסח. איז גלייך פר ווייבער ווי פר מאנס לייט. די ווייבער מוזן עסין מצה די ערשטע נאכט פון פסח מיט אלע דינים דר צו ווי מאנס לייט וויל נאר דר וואס טאר ניט עסן קיין חמץ אום פסח דר מוז עסן מצה. אונ קיין חמץ טארין דאך ווייבער גווים ניט עסן. וויל דם איז דאך איין לא תעשה דאס הייסט איין זאך וואס דיא תורה האט גזאגט מען זאל דם ניט טאן. אונ אין די אלע מצות לא תעשה איז קיין אונטר שייד צווישן ווייבער אונ מאנס לייט. ווי מיר וועלן ווייטר זאגן. דעריבר וויא באלד זיי טארן קיין חמץ ניט עסין מוזן זיי עסן מצה

כלל ב

אין שמחת יום טוב. דם איז צו פרייען זיך אום יום טוב וואס דיא תורה הט נהייסן (ושמחת בחגך) הגם דאס איז דאך אויך איין מצות עשה וואס הט אגישטעלטע צייט. זענן ווייבער דרינן אויך חיב. נאר דרינן קריגן די פוסקים. אנדערע זאגן דיא מצוה פון שמחה אונ יום טוב איז אויף ווייבער ווי אויף מאנס לייט. אונ אנדערע זאגן דאס די מצוה איז נאר ארויף גלייגט אויף די מאנס לייט דם זיי זאלן זעהן צו דר פרייען זייערע ווייבער. אונ די אלמנות וואס האבן קיין מאנען ניט איז מוטל די מצוה זיי צו דר פרייען אויף די שכנים בייא וועמן זיי וואונן:

כלל ג

נאר וויא איז מען מקיים די מצוה פון שמחת יום טוב. איז אזו. פר צייטן אז דער בית המקדש איז גוועזן הט מען מקריב גוועזן קרבנות שלמי שמחה (קרבנות פון פרייד) אונ מען הט דם פלייש געגעסן אונ זיך גיפרייט פאר גאט יעצט אז דער בית המקדש איז חרוב איז א מצוה צו האבן רייגע אונ שיינע קליידער אויף יום טוב אונ צו האבן צירונג. אויך עסן

גוט

גוט אונ פריילך זיין אונ זיך שטענדיג דער מאנן אן גאט ווס האט אונז גהייסן זיך פרייען מיט דעם יום טוב אונ זיך דער מאנן שטענדיג וואס דער יום טוב באטייט. אבר שטיפן אונ ארום לופן אין דיא גאסן אדר ארום שפאצירן איז די גרעסטע עבירה. אונ אזעלכע ימים טובים האט גאט פיינט. אונ זאגט (חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי) דאס איז טייטש אייערע חדשים אונ אייערע ימים טובים וואס איר פרייט זיך נאר מיט זיך. האב איך פיינט:

פרק שלישי דיני ספירה

כלל א

צו ציילן ספירה פון פסח ביז שבועות. הגם דס איז איין מצות עשה וואס האט אגישטעלטע צייט אונ ווייבער זענן פטור ווי דער (רמב"ם) פאסקת (הלכות תמידין ומוספין פ"ז הלכה כ"ד). נאר דער (מגן אברהם) זאגט אז אונזערע ווייבער מוזן ציילן ספירה וויל זייא האבן דס אן גנומען אוף זיך וויא איין חוב. אונ אלע זאכן ווס מען טאר ניט טאן אין ספירה טעג טארן ווייבער אוך ניט אזו וויא מאנס לייט. ווייבער זענען זיך נאך נוהג אז פון פסח ביז שבועות זאלן זיי קיין ארבט ניט טאן פון זונגען אונטר גאנג ביז וואנן זיי ציילן ספירה (אורח חיים סימן תצ"ג סעיף ד' וט"ז שם):

כלל ב

דיא דינים פון שבועות איז וויא אלע יום טוב גלייך פר ווייבר ווי פר מאנס לייט. זיי טארן אוך ניט טאן קיין מלאכה אום יום טוב ווס גהערט ניט צום עסן. נאר קאכן אונ באקן. אבר איין אנדרע מלאכה טארן זייא ניט טאן. אוך טארן זייא ניט קאכן פון איין טאג יום טוב אוף דעם אנדרן טאג אדר פון יום טוב אוף מארגן ווס איז אוואכענדיגר טאג. אונ ווען עס גפאלט יום טוב אום פרייטאג אונ מען בארף קאכין עסין אוף שבת. מארין זיי אנדערשט ניט קאכן אוף שבת סיידן מען הט גמאכט פר זיי ערוב תבשילין אום ערב יום טוב. דעריבר מוזין דיא ווייבר איבר הויפט אכטונג געבן דאס מען זאל ניט פאר געסין צו מאכן ערוב תבשילין. אונ ווען מען פר געסט פרעגט מען איין שאלה:

פרק רביעי דיני תענית

כלל א

די פיר תעניתים אין יאר. דס איז. תשעה באב שבעה עשר בתמוז.

צום

צום גדליהו . אונ עשרה בטבת מוזין ווייבער אויך פאסטן . נאר דיא וואס זענן מעוברת זייגענדיגע . אונ ליידן פיל פון תענית טארין ניט פאסטן . אונ אפילו די ווס ליידען אביסיל דארפן אויך ניט פאסטן . אום גנומען אום תשעה באב . איז זייער הארב . דארפן זייא פרעגין דעם דין ביא איין מורה הוראה :

כלל ב

אסתר תענית איז איין מצוה צו פאסטן . נאר דר תענית איז אבער ניט אזו הארב וויא יענע פיר תעניתים וואס איז פריער גישטאנן . דעריבר קענן זיך איין אשה מעוברת אדער איין זייגעדיגע מקיל זיין (זיך גרינג מאכן) אין דעם תענית אונ ניט פאסטן :

כלל ג

אין ניין טעג ודם איז די ניין טעג וואס פון אנפאנג ראש חודש אב ביז תשעה באב אוף דער נאכט) חוץ ווס עס איז דא פיל זאכן ווס מען טאר ניט . ווי למשל חתונות מאכן . נייע קליידר אן טאן . קיין פלייש ניט עסן אונ קיין וויין ניט טרינקן . טאר מען אויך ניט קיין גרעט וואשן אפילו זיי אוועק צו לייגן אוף אן צו טאן נאך דיא ניין טעג . אונ אן טאן טאר מען ניט אפילו קיין אום גוואשענע פלאקסענע קליידר . נאר ווען עס איז דא עטוואס איין מצוה מעג מען אן טאן . דעריבר דיא ווייבר ווס דארפן אן טאן וויים גרעט (אין אירע ריינע טעג) מעגן זיי וואשן אונ אן טאן וויים גרעט . אונ זיך אונטר בעטן ווייסע ליילעכר אונ אויך לכבוד שבת מעג מען אן טאן וויים גרינט . אונ מען טאר (אין ניין טעג) ניט אוועק געבן גרעט צו איין נכרית זיא זאל וואשן אפילו ווען זיא וועט וואשן נאך דיא ניין טעג . אונ קיין יודישקינד טאר ניט וואשן קיין גרעט אין דיא ניין טעג אפילו פר ניט איין ישראל :

כלל ד

מען טאר זיך ניט באדן אין ניין טעג . נאר איולדת ווס דארף זיך וואשן מעג . אויך איין נדה ווס עס קומט איר אום די טבילה אין דיא טעג מעג זיא זיך וואשן אונ טובל זיין וויל דם איז איין מצוה . אונ ווען זיא איז זיך טובל אין דער נאכט פון צעהנטן אב . מעג זיא זיך ארום וואשן ערב תשעה באב . באופן אז דיא נאכט פון צעהנטן אב וועט זיא זיך ניט קענן ארום וואשן . אונ ווען זיא דארף אן טאן ווייסע גרעט מעג זי זיך

אביסל ארום וואשן מיט וואסר ווייל זי מיינט דאך דס ניט פון תענוג וועגן נאר פון די מצוה וועגן :

כלל ה

איין אשה וואס עס קומט אום איר ליל טבילה ערב תשעה באב אויף דר נאכט . טאר זיא ניט דאמאלס גיין אין מקוה · נאר זיא זאל זיך ארום וואשן אונ אום קעמן ערב תשעה באב . אונ די נאכט נאך תשעה באב (דס איז ווס געהערט צום צעהנטן טאג פון אב) זאל זיא זיך ווידר אום קעמן אונ טובל זיין . (דיא איבריגע דינים פון טבילה וועלין מיר אי״ה ווייטער שרייבן) :

פרק דיני ימים נוראים חמישי

כלל א

אין אלע דינים פון ראש השנה איז קיין אונטער שייד צווישן מאנס לייט אונ ווייבר . מער ניט וויא אין שופר בלאזן דאס ווייבר זענן דער פון פטור . נאר אז זייא ווילן קענן זייא בלאזן אונ מאכן דיא ברכה דרויף וויא מיר האבן שון דער פון גרעט אובן · ווייטר האבן מיר נאר צו שרייבן דאס די ביידע נעכט ראש השנה איז ניט רעכט משמש המטה צו זיין (סיידן ווען עס איז איין ליל טבילה דען מעג מען) ווייל די טעג מוז מען זעהן צו זיין קדוש וטהור :

כלל ב

אום ערב יום כפור זענן ווייבר אויך מחויב צו עסין אונ צו טרינקען ווי מאנס לייט זענן מחויב . הגם דס איז איין מצות עשה שהזמן גרמה · דס הייסט ווס הט אגישטעלטע צייט נאר אום ערב יום כפור · אבר די מצוה פון עסין אום ערב יום כפור איז גיגליכן צו דיא מצוה פון פאסטן אום יום כפור ווס אין די מצוה זענן ווייבר אויך מחויב וויא מאנס לייט · דעריבר מוזין זיי אויך עסן אום ערב יום כפור · נאר זיי זאלן זיך זייער היטין אז זיי זאלן ניט עסין ביז שפעט פר נאכט ווייל מען מוז עסן די סעודה המפסקת אונ איר ענדיגען פר זונען אונטער גאנג · דען מען מוז צו לאזן פון ערב יום כפור צו יום כפור אונ אנפאנגען צו פאסטן פר זונען אונטער גאנג . אונ די ווייבר ווס עסין ביז שפעט פאר נאכט האבן איין עבירה :

כלל ג

אויך זענן זיך אלע יודען נוהג צו שלאגן כפרות אום ערב יום כפור

אדר

אדער איין טאג פאר ערב יום כפור. נאר גלייבער איז צו שלאגען כפרות וואס פריער ווייל שפעטער אז עס ווערט ענג ביי דעם שוחט און יעדער שפארט זיך מיט זיינע כפרות צו שעכטן זיי. קענען זייא חלילה מאכן אטריפה און די שוחטים וועלן דאס קענן שווער דער גיין איבר דיא שהעקליכע ענגענים. דעריבער איז גלייבער מען זאל זעהן צוא שלאגן כפרות וואס פריער און זיי שיקן צום שוחט אז עס איז נאך ניט ענג דארטן :

דער מנהג איז איין מאנס פארשוין שלאגט מיט איין האן און איין אשה מיט איין הון און ווען זיא איז מעוברת איז דר מנהג צו נעמן איין הון פר זיך און איין האן פר דם קינד וואס זי טראגט. און דען איז ממה נפשך גוט. טראגט זיא איינגיל הט זי דאך פר אים דעם האן. און ווען זי טראגט אמיידיל וועט זיין איר הון פר זיך און פר דם קינד וום זי טראגט. מעהר מצוה איז אום צו קלויבן אווייסן האן אדער אווייסע הון. נאר אבער זוכן דווקא אווייסען טאר מען ניט. ווייל דאס איז אזו וויא דרכי האמורי (עבודה זרה ר״ל). מער ניט ווען עס טרעפט זיך ווייסע קופט מען בעסר ווייסע. און ווען עס איז ניט דא קיין האן אדר אהון מעג מען אוך שלאגן מיט אנדערע לעבעדיגע זאכן וויא מיט קאצקעס און דער גלייכן. אוך מעג מען שלאגן כפרות מיט פיש, אבר מיט טויבן טאר מען ניט שלאגן קיין כפרות ווייל אלע מינים וום עס קען טוגן צו איין קרבן אויף דעם מזבח קען דם אום ווייזן וויא איין קרבן בחוץ דאס הייסט מען איז מקריב איין קרבן ניט אויף דעם מזבח. דריבר טאר מען דאס ניט. און נאך דעם שעכטן איז דער מנהג מען זאל די אין געוויד פון דיא כפרות ארום ווארפן ענטוועדער אויף דעם דאך אדר אין הוף וואו עופות קומן דארטן און קענן דאס אויף פיקען :

ווען דר מאן אדר דם ווייב שלאגן ניט קיין כפרות. זאלן זייא ניט האלטן איינע די אנדערע חס ושלום פאר איין אפיקורוס. און עס זאל חלילה ניט ארום קומן קיין מחלוקת דר פון. ובפרט אין די הייליגע טעג וום מען דארף זעהן עס זאל זיין שלום צווישן אלעמן און אפשיטא צווישן מאן און ווייב. דאס מוז מען וויסן אז די וום שלאגן ניט קיין כפרות האבן אוך גאונים גדולים אויף וועמן זיך צו סומך זיין :

כלל ד

ערב יום כפור איז אגרויסע מצוה זיך טובל צו זיין כדי מען זאל זיין ריין בייא דעם יום הדין. און אפילו יונגע קינדר אדר מיידלך וואס ווען

דרייצען אדער פירצן יאר אלט דארפן זיך טובל זיין ערב יום כפור . אונ איין אשה וואס דער מאן איז בייא איר געווען אין דריי טעג פר יום כפור דארף זיא זיך ארום וואשן גוט מיטווארעמע וואסר :

כלל ה

מען איז זיך נוהג צו מאכן איין יום כפור ליכט פאר יעדען מאנס פארשון . נאר ווייבר דארפן פאר זיך קיין ליכט ניט מאכן (מ"א סי' תר"י ס"ק ג') אוך מאכט מען איין ריינע נשמה ליכט פאר פאטער אונ מוטער וואס זיי זענען גישטארבן . אונ ווען די ליכט פר לעשין זיך טאר מען ניט זאגן איין גוי אז ער זאל זייא אן צינדן . אפילו מיט איין וויגק טאר מען אוך ניט מאכן אז ער זאל זייא אן צינדן . אונ עס איז א מצוה צו לאזן זיי אזו פאר לאשין . נאר מוצאי יום כפור זאל מען דיא ליכט אן צינדן אונ איר לאזן אין גאנצן אוס ברענן :

אין דר היים איז דער מנהג אין אנדערע ערטער אן צו צינדען ליכט . אונ מען צינד אן איין ליכט אין צימער וואו מען שלאפט . דס עס זאל אים אפ האלטן פון איין עבירה . וויל ער וועט זעהן די ליכט ברענט דא . אונ ווען יום כפור גפאלט אום שבת מוז מען אין אלע ערטער אן צינדן , אונ מען מאכט אוף זיי די ברכה להדליק נר של שבת ושל יום הכפורים :

כלל ו

מאנס לייט זענען זיך נוהג אן צו טאן ווייסע קליידער אונ ריינע אום יום כפור . גליך וויא די מלאכי השרת . אוך טוט מען אן דעם קיטעל וויל ער איז ווייס אונ ריין אונ איז אוך איין קלייד וואס מען טוט אן איין מת אונ דורך דעם וועט דעם מענשענס הארץ גיבראכן אונ גבוגן ווערן . אבר ווייבר דארפן זיך אין ווייסן ניט אן טאן נאר איין קיטל ווען זייא ווילן קענן זיי זיך יוא אן טאן (סימן הג"ל ס"ק ה') :

כלל ז

מען טאר זיך ניט וואשן אום יום כפור ניט מיט קאלטע וואסר אונ ניט מיט ווארעמע וואסער . נאר ווען דיא הענד זענן איין גישמוצט מעג מען אפ וואשן . דען מען טאר זיך נאר ניט וואשן צום תענוג אבר פון ריינקייט וועגן מעג מען . אונ אין דר פריא אז מען שטייט אוף פון שלאף וואשט מען נאר דיא פינגער אליין אונ מען מאכט דיא ברכה על נטילת ידים . אבר איין כלה אין דרייסיג טעג נאך דער חתונה מעג זיא וואשן איר פנים אוך :

איין

כלל ח

איין אשה טאר זיך ניט טובל זיין אום יום כפור אפילו ווען די צייט פון איר טבילה איז אום גקומן אין דעם טאג · נאר דיא וואס דארף יום כפור אן טאן ווייסע וועש (נאך דיא צייט פון נדה) מעג זיא זיך ארום וואשן:

כלל ט

מען טאר אום יום כפור קיין שיך ניט אן טאן· נאר איין קינדבעטערן אין דרייסיג טעג פון האבן דאס קינד מעג אן טאן שיך:

כלל י

אום יום כפור איז אסור משמש המטה צו זיין. אונ מען טאר אוך ניט זיך אן רירן אן דעם ווייב אזו וויא אין דיא צייט פון נדה אויך איז ניט רעכט מיט איר פיל צו ריידן:

כלל יא

איין יונגעל אדר איין מיידיל קליינע ווס זענן גזונד אונ זיי זענן שוין ניין יאר אדר צעהן יאר הייבט מען זייא אן צו גיוואוינען צו פאסטן שעות וויז· דהיינו ווען זיי זענען גוואונט צו עסן אין אשעה ארום נאך זייער אוף שטיין ניט מען זיי עסין אום יום כפור אין צווייא שעה נאך זייער אוף שטיין· אונ ווען זיי זענן גוואונט צו עסן אין צווי שעה נאך זייער אוף שטיין גיט מען זיי עסן אין דריי שעה נאך זייער אוף שטיין· אונ ווען זיי האבן גנץ קרעפטן לאזט מען זיי אביסל לענגר פאסטן. אונ ווען זיי זענן שוין גווארן עלף יאר זאגן אנדרע אז זיי מוזן פאסטן אין גאנצן מדברי סופרים (דס הייסט וויל די חכמים האבן אזו גהייסן) דאמיט מען זאל זיי איין גוויינן אין מצות· אונ אנדרע זאגן אז זיי דארפן ניט פאסטן אין גאנצן· אונ מען קען זיך פר לאזן אוף דיא אנדערע דעה ווען דאס קינד איז שוואך אונ מאגער אונ האט קיין כח צו פאסטן· אבער איין מיידל פון צוועלף יאר מיט איין טאג אונ איין יונגיל פון דרייצעהן יאר מיט איין טאג וואס האבן שון צוויי האר אונטער דיא ארימס אונ דם איז אסימן אז זייא זענן שוין ארוס פון קינדערס יארן· זענן זיי וויא גרויסע מענטשן צו אלע מצות· אונ זייא מוזן פאסטן דעם גאנצן טאג מן התורה· אבר ווען זיי האבן דארטן נאך ניט קיין צווייא האר הייסן זייא וויא קליינע אונ דארפן נאר פאסטן מדברי סופרים· אבר איין קינד ווס איז

נאך קיין נין יאר אלט. פאר מען ניט לאזן פאסטן. אונ אפילו ווען דאס קינד וויל פאסטן לאזט מען אים ניט:

כלל יב

איין אשה וואס זיא איז מעוברת אדר זייגט איין קינד מוז פאסטן דעם גאנצן טאג:

ווען איין אשה וואס זיא איז מעוברת האט דער שמעקט עסן אונ איר פנים האט זיך דורך דעם פר ענדערט אפילו זי זאגט ניט איך מוז דם עסין. אדר ווען זיא זאגט איך מוז דאס עסין אפילו ווען איר פנים האט זיך ניט פאר ענדערט. איז דער דין אז מען זאל איר זאגן אין אויער אז היינט איז יום כפור ווען זיא ווערט בארוהיגט דורך דעם דער מאנען איז גוט. אונ ווען ניט גיט מען איר דר פון אלעק טאן אונ ווען דער לעק האט איר ניט געהאלפן גיט מען איר אביסיל יוך. אונ ווען די יוך העלפט אוך ניט גיט מען איר פון די שפייז אליין ביז זיא בארוהיגט זיך:

כלל יג

איין קינדבעטערין איז אזו דער דין. דרייא טעג פון איר גווינען דארף זיא גאר ניט פאסטן. אפילו זיא זאגט זיא דארף ניט עסין. גיט מען איר אונ מען זאגט איר זי זאל עסין. נאר מען זאל איר געבן וויניגער ווי דר שיעור איז ווען דם איז אזו גרוס אונגיפער ווי צוויי דריטעל אייו. אונ מען זאל ווארטן צווישן איין מאל געבן ביז דעם אנדערן מאל אזו לאנג ווי פיל מען זאל קענן אוף עסין פיר אייער. אונ טרינקען גיט מען איר אונגיפער צו לעפל. אונ זי זאל ווארטן צווישן איין זופע אונ דם אנדערי זופ אזו לאנג וויא פיל מען קען אום טרינקען איין רביעית. אונ פון דריי טעג נאך דעם גווינען ביז דעם זיבעטן איז ווען זי זאגט זי דארף עסן גיט מען איר אונ אז זי בעט ניט גיט מען איר ניט. אונ פון דעם זיבעטן טאג אן אונ ווייטער איז זי גלייך צו אלע מענשן. נאר ווען זיא זאגט אבר זיא איז קראנק הט זיא דעם דין וויא אלע קראנקע אונ מען מעג איר געבן צו ליב די קראנקהייט ווען דר דאקטער הייסט:

פרק ששי דיני סוכה

כלל א

די הופט דינים פון סוכה אונ לולב האבן מיר שון אובן גזאגט אז ווייבער זענן דר פון פטור. נאר ווען זיי ווילן אבר אוף זיך מחמיר זיין אונ האלטן

האלטן די צוויי מצות מען זיי אויך דרויף אברכה מאכן. נאר דם וואס זיי דארפן איבר הויפט וויסן איז דס. אין סכה טאר מען ניט טאן קיין זאך וואס עס פאסט ניט. דהיינו אום צו שווענקן אטאפ אדער אשיסל אין סכה טאר מען ניט. אונ וואס אנדערע זענן זיך נוהג אום צו שווענקען אשיסל נאך דעם עסן אין סכה טוען זייא אום רעכט. אויך דארף מען אלע שיינע כלים אריין טראגן אין סכה. אונ די כלים וואס עס איז צום טרינקען ווי בעכערם אונ גלעזלעך האלט מען אין סכה אבר דיא כלים וואס איז צום עסן וויא טעפ אונ שיסלן זאל מען זייא האלטן נאך דעם עסן אונ אויך פר דעם עסן חוץ לסכה. דיא לייכטר פון איזן אונ קופר אדער זילבער האלט מען אין סכה. אבער איין ליימענעס לייכטער טאר מען ניט האלטן אין סכה:

כלל ב

קליינע יונגלעך פון פינף אדער זעקס יאר מוזן זיצן אין סכה מדברי סופרים כדי זיי זאלן זיך געוויינען אין מצות. אונ ווען דם קינד האט קיין פאטר ניט זאגן אנדערע פוסקים אז דיא מוטר מוז אים געוויינען אין דיא מצוה (שערי תשובה סי׳ תר״מ ס״ק א):

פרק דיני חנוכה שביעי

כלל א

ווייבער זענן מחויב אן צו צונדן חנכה ליכט אזו וויא מאנס לייט. וויל דורך איין יודישע טאכטער איז אויך דער נס פון חנכה געווארן. זיא האט גהארגת דעם גרעסטן פון די יודישע שונאים בשעת זיי האבן מלחמה געהאלטן אויף אונזר הייליגע שטאט ירושלים. אונ איין אשה קען אן צינדן חנכה ליכט פר די גאנצע הוז גזינד אונ מוציא זיין אויך איר מאן מיט דער ברכה. אונ ווען איין זכר האט שון גבענשט חנכה ליכט מעג ער אן צינדן פר איין אשה נאך איין מאל אונ אברכה מאכן. ווען זיא שטייט דער בייא:

כלל ב

דיא גאנצע צייט וואס די חנכה ליכט ברענען נאך. זענן זיך די ווייבער נוהג דם זיי זאלן קיין ארבעט ניט טאן. אונ דם איז זייער אגוטער מנהג אונ מען טאר זייא דאס ניט מאכן פר גרינג וויל דער נס פון חנכה איז געווארן אויך דורך די ווייבר. אונ די וואס זענן זיך נוהג דם זייא

טוּעֶן דֶעם גאַנצֶן טָאג קיין מְלָאכָה ניט זָאגְן אַנְדֶערֶע אַז דֶעם מִנְהָג דַארְף מֶען זֶעהֶן מְבַטֵל צוּ זַיין. וַוייל לֵיידִיג אַרוּם גֵיין אִיז אַגְרוֹסֶע עֲבֵירָה. אוּנ עֶס אִיז גִינוּג וֶוען זֵיי טוּעֶן ניט קיין מְלָאכָה דֶעם עֶרְשְׁטֶן טָאג חֲנֻכָּה אוּנ דֶעם לֶעצְטֶן טָאג:

כלל ג

פַאר חֲנֻכָּה לִיכְט טָאר מֶען קיין זַאך נִיט טָאן. אוּנ מֶען טָאר זִיך נִיט אֵיין
קוֹיפְן אִין אֵיין מַטְבֵּעַ בַּיי דִי חֲנֻכָּה לִיכְט דָם מֶען זָאל דֶר קֶענְן וָוס פַר
אַמַטְבֵּעַ דָם אִיז. אוֹיך טָאר מֶען קיין גֶעלְט נִיט צֵיילֶן בַּיי חֲנֻכָּה לִיכְט.
אוּנ נָאך אַזוֹ אַגְלַייכֶן טָאר מֶען נִיט בַּייא חֲנֻכָּה לִיכְט. סַיידֶן מֶען צִינְד
אָן אוֹיך אַשַׁמֶשׁ פַאר דִי לִיכְט מֶעג מֶען דָאס אַלְץ טָאן פַר דֶעם שַׁמֶשׁ.
אוֹיך טָאר מֶען פוּן חֲנֻכָּה לִיכְט נִיט אָן צִינְדֶן קיין פְּרָאסְטֶע לִיכְט. אוּנ
אֲפִילוּ חֲנֻכָּה לִיכְט זָאגְן אַנְדֶערֶע אַז מֶען טָאר נִיט אָן צִינְדֶען דִיא אַנְדֶערֶע
לִיכְטֶעל פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע. וַוייל דֶר עִיקָר מִצְוָה אִיז דָאך דִיא עֶרְשְׁטֶע לִיכְטֶעל
אַלֵיין. אוּנ דִי אִיבְּרִיגֶע לִיכְט אִיז נִיט אַזוֹ אַמִצְוָה. דֶערִיבֶּר טָאר מֶען
נִיט דִיא אִיבְּרִיגֶע לִיכְטֶלֶעך אָן צִינְדֶן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע. אוּנ וֶוען אֵיין
לִיכְטֶעל פוּן חֲנֻכָּה לִיכְט הָאט זִיך פַאר לָאשְׁן טָאר מֶען אִיר נִיט אָן צִינְדֶן
פוּן דִיא בְּרֶענְדִיגֶע לֶעכְטְלֶעך. אוּנ אַפְּשִׁיטָא וֶוען דֶער שַׁמֶשׁ פַר לֶעשְׁט
זִיך טָאר מֶען בְּוַדַאי אִים נִיט אָן צִינְדֶן פוּן דִיא לִיכְטְלֶעך וָואס בְּרֶענֶען.
נָאר אָבֶּר דִי לִיכְט וָואס מֶען דַארְף פְרַייטָאג לִיכְט בֶּענְטְשְׁן אוֹיף שַׁבָּת
מֶעג מֶען אָן צִינְדֶען פוּן חֲנֻכָּה לִיכְט. וַוייל דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אוֹיך אֵיין
לִיכְט פוּן אַמִצְוָה:

כלל ד

עֶרֶב שַׁבָּת צִינְד מֶען פְרִיעֶר אָן חֲנֻכָּה לִיכְט אוּנ דֶר נָאך דִי לִיכְט וָואס
צוּ שַׁבָּת. אוּנ וֶוען אֵיין אִשָׁה הָאט אָן גְצוּנְדֶן פְרִיעֶר דִיא לִיכְט
וָוס צוּ שַׁבָּת טָאר זִי שׁוֹן נִיט אָן צִינְדֶן קיין חֲנֻכָּה לִיכְט. וַוייל וִויא אֵיין
אִשָׁה צִינְד אָן לִיכְט צוּא שַׁבָּת הֵייסְט שׁוֹן דָם זִיא הָאט אָן גְנוּמֶן שַׁבָּת
אוּנ זִי טָאר שׁוֹן קיין פַייעֶר נִיט הַאלְטֶן. דְרִיבֶּר מוּז זִיא בֶּעטֶן אֵיין אַנְדֶרְן
דָם עֶר זָאל פַר אִיר אָן צִינְדֶן חֲנֻכָּה לִיכְט:

פרק שמיני

דיני אסתר תענית האבן מיר אויבן פרק רביעי כלל ב גשריבן.

דיני מגילה

כלל א

צו לייענען די מגלה זענען ווייבר אוך מחויב . וויל דורך ווייבר איז דער נס פון פורים געווארן · אונ מען מוז לייענן די מגלה אין דר היים פר די בתולות · נאר אין אנדערע שטעט איז דר מנהג אז בתולות גייען אין ווייבערשע שול צו הערין דיא מגלה :

כלל ב

ווען איין אשה לייענט די מגלה פר זיך זאגן אנדערע אז זי זאל מאכן די ברכה לשמוע מגילה (דס הייסט צו הערין די מגילה) אבר זי מאכט ניט על מקרא מגלה (דס איז טייטש צו לייענען די מגלה) וויל ווייבר זענען ניט מחויב אליין צו לייענען נאר צו הערן ווי מען לייענט . אונ אין מדרש הנעלם שטייט דס עס איז ניט רעכט דס ווייבר זאלן פר זיך לייענען אונ עס איז גלייבר אז זיי זאלן הערן לייענען פון זכרים :

כלל ג

דיא זכרים וואס לייענען די מגילה פר ווייבער אוף דייטש הגם די מגלה איז אוך געשריבן אוף דייטש מוז מען זייא פאר ווערין אונ מען לאזט זיי דאס ניט . נאר זיי זאלן לייענען דווקא אין לשון קודש . אפילו אלע זאכן איז דאך דער דין אז זיי קענן יוצא זיין אויף דייטש אויך . ווען זיי פר שטייען ניט קיין לשון קודש . נאר די מגלה הט איין אנדערן דין וויל אין דר מגלה זענן פר האנדן ווערטר וואס מען קען זיי ניט פר טייטשן אזו וויא האחשתרנים בני הרמכים מוז מען דאך לאזן דיא ווערטר איז לשון קודש דריבר מוז מען שוין די גאנצע מגלה לייענען אוף לשון קודש · דען מען טאר ניט לייענען אביסל אויף איין לשון אונ די איבריגע אוף איין אנדער לשון · נאר ווען מען לייענט מוז מען לייענן איז גאנצן אוף איין לשון · דריבר מוז מען לייענן די מגלה אין גאנצען אוף לשון קודש אפילו פאר ווייבר :

כלל ד

זכרים וואס האבן שון געהערט לייענדיג די מגלה · קענען לייענן פאר ווייבר אונ זיי מוציא זיין · נאר מען זאל ניט מאכן פאר זייא דיא ברכה על מקרא מגלה נייערט לשמוע מגלה וויא אובן איז געשטאנען · אוך זאל ער פאר זייא ניט מאכן דיא ברכה פון שהחיינו נאר זייא זאלן אליין מאכן דיא ברכות :

כלל ה

עס איז איין מִנְהָג יִשְׂרָאֵל צוּ גֶעבֶּן דְרַייא מַטְבְּעוֹת וָואס וֶוערֶן אָן גְרוּפֶען הַאלְבֶּע אִין דֶער מְדִינָה וִוי אֵיין הַאלְבֶּן רוּבֶּעל אִין רוּס לַאנְד אָדֶער אֵיין הַאלְבֶּן גוּלְדֶן אִין פּוֹלֶן אוּנ אֶסְטְרֵייךְ. אוּנ דָם גֵייט אוֹף צְדָקָה. אַנְדֶרֶי גִיבֶּן דָם אוּם פּוּרִים אוּנ אַנְדֶערֶע גִיבֶּן דָם אֶסְתֵּר תַּעֲנִית צוּ מִנְחָה. ווַייבֶּר זֶענֶן פָּטוּר דָאס צוּ גֶעבֶּן:

כלל ו

ווַייבֶּער זֶענֶן מְחוּיָּב צוּ גֶעבֶּן אוּם פּוּרִים מַתָּנוֹת פַר אָרֶעמֶע לַייט אוּנ צוּ שִׁיקֶן חֲלָקִים (מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת) אַזוֹ וִויא זְכָרִים. נָאר אֵיין אִשָׁה זָאל שִׁיקֶן צוּ אֵיין אַנְדֶרֶע אִשָׁה. אוּנ אֵיין זָכָר זָאל שִׁיקֶן צוּ אֵיין זָכָר. אָבֶּר אֵיין זָכָר טָאר נִיט שִׁיקֶן צוּ אֵיין אִשָׁה. אוּנ אֵיין אִשָׁה טָאר נִיט שִׁיקֶען צוּ אֵיין זָכָר. נָאר בַּייא אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז ווַייבֶּר שִׁיקֶן זִיךְ נִיט קֵיין מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת. ווַייל עֶס קֶען זַיין זֵיי זֶענֶן יוֹצֵא מִיט דֶעם וָואס דֶר מַאן שִׁיקְט:

פרק דיני קידוש לבנה תשיעי

כלל א

ווַייבֶּער זֶענֶן פָּטוּר פוּן קִידוּשׁ לְבָנָה. ווַייל דָם אִיז אַמִצְוָה וָואס הָאט אַגִישְׁטֶעלְטֶע צַייט דָם הֵייסְט נָאר בַּיי דֶר נַאכְט אוּנ פוּן דֶעם דְרִיטְעֶן טָאג אִין חוֹדֶשׁ מֶעג מֶען עֶרְשְׁט מְקַדֵשׁ זַיין דִיא לְבָנָה בִּיז דֶעם זֶעכְצֶענְטֶען טָאג פוּן מוֹלָד). אוּנ אֲפִילוּ וִויא מִיר הָאבֶּן גְזָאגְט אַז אַלֶע מִצְוֹת עֲשֵׂה שֶׁהַזְמַן גְרָמָא מֶעגֶן ווַייבֶּר מְקַיֵים זַיין וֶוען זֵיי ווִילֶען. אָבֶּער דִי מִצְוָה טָארֶן זֵייא נִיט מְקַיֵים זַיין. ווַייל דִי ווַייבֶּער הָאבֶּן דָאס פַאר זִינְדִיגְט דָם דִי לְבָנָה זָאל קְלֶענֶער וֶוערְן (מ"א ריש סי' תרכ"ו):

פרק דיני ראש השנה עשירי

כלל א

ווַייבֶּער זֶענֶן פָּטוּר צוּ זָאגֶן הַלֵל אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּנ אוּם יוֹם טוֹב

כלל ב

אוֹיךְ אִיז דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְז דָם ווַייבֶּר טוּעֶן קֵיין מְלָאכָה נִיט אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. הֶגַם מַאנְכֶע לַייט טוּעֶן דָאךְ יוֹא אֵיין אַרְבֶּעט. אוּנ דִי מַיינֶע לַייט וָואס ווִילֶן נִיט טָאן קֵיין מְלָאכָה הֵייסְט דָאךְ דָאס בּוֹרוּת אוּנ עֶר אִיז אַפְּרַאסְטַאק. אָבֶּר ווַייבֶּער וָואס ווִילֶען נִיט טָאן קֵיין מְלָאכָה דַארְף מֶען

זייא ניט מאכן פר גרינג. ווייל זייא האבן שוין דעם מנהג אויף זיך מקבל געוועזן:

דיני מצות עשה שאין הזמן גרמא

דאס זענען אזעלכע מצות. וואס מען איז מחויב זייא צו מקיים זיין אלע מאל:

פרק אחד עשר

כלל א

נאך איין כלל האבן אונז די חכמים געלערינט. וכל מצות עשה שאין הזמן גרמא אחד האנשים ואחד הנשים חייבין. דאס איז טייטש דם אלע מצות פון דר תורה וואס האבן ניט קיין געשטעלטע צייט זייא מקיים צו זיין. אונ מען מוז זיי צו אלע צייט מקיים זיין. אונ מען קען זיי אויך שטענדיג מקיים זיין. זענן זיי חיב צו מקיים זיין סיי זכרים סיי נקבות:

כלל ב

דריבער זענען ווייבער מחויב אין דיא אלע מצות. וויא למשל צו מאכן אמזוזה אין זייער שטוב. ווייל דאס איז אמצוה וואס מען מוז דם שטענדיג האבן. אונ עס האט ניט קיין געשטעלטע צייט:

כלל ג

אויך זענען זיי מחויב צו געבן צדקה צו ארעמע לייט ווי זכרים. נאר זייא מוזן זעהן אז דאס זאל זיין מיט דעם ווילן פון מאן. דען ווען דער מאן וויל ניט ליידן טאר מען ניט. ווייל דאס הייסט וויא גגאנבעטע געלד. דריבער דיא וואס גייען צו זאמן געלט אויף צדקה. טארן ניט נעמן פון ווייבער נאר אקליינע נדבה. אבער אגרויסע נדבה וואס עס איז צו גרוס נאך דעם מאגס פר מעגן טאר מען פון זייא ניט צו נעמען. ווייל עס קען זיין דער מאן ווייס דער פון ניט. אזו הייסט דאס גיגאנבת. אבער ווען מען ווייס קלאר אז דער מאן וויל ניט ליידן טאר מען אקליינע נדבה אויך נים נעמן פון איר, נאר ווען זיא איז גאנץ רייך אונ זיא וויל אויף העלפן אירע קרובים אפילו מיט אגרויסע נדבה. דארף דר מאן איר ניט וועהרן. אונ ער מוז דאס טאן. אונ זיא מעג געבן:

חובת נשים

פרק דיני נדרים י"ב

כלל א

ווען איין אשה טוט אנדר מוז זיא האלטן דאס וואס זי האט אנדר גטאן. נאר אבר ווען זיא איז נאך ניט עלטר ווי צוועלף יאר מיט זעקס דשים קען דער פאטער איר פאר שטערן אלע נדרים. און דער נדר ערט פר שטערט. און אויך ווען זיא הט איין מאן קען דער מאן איר אר שטערן אלע אירע נדרים. און ווען ער זאגט אז ער וויל ניט ליידן אם וואס זיין ווייב הט אנדר גטאן. איז איר נדר גאר ניכט אפילו דם ווייב איז אלט זיבעציג יאר:

כלל ב

דער פאטר און דער מאן קענען נאר פאר שטערן דיא נדרים אין דעם זעלביגן טאג ווען זייא האבן דער הערט דאס זייא האבן דעם נדר גטאן. אבר ווען זיי האבן גהערט ביי טאג און האבן גשוויגן דעם גאנצן טאג און האבן אים ניט פר שטערט מוז דר נדר בלייבן און זיי קענן שון אים ווייטר ניט פאר שטערן:

כלל ג

דער כלל איז אזו. די נדרים וואס זיי האבן איין נדר גטאן בייא דר נאכט קענן זיי פאר שטערן די גאנצע נאכט און דעם גאנצן טאג וואס נאך די נאכט. אבר די נדרים וואס זיא האט איין נדר גטאן ביי טאג קענן זיי מער ניט פאר שטערן נור דעם גאנצן טאג. אבר אוף דער נאכט וואס נאך דעם טאג קענן זייא שון ניט פאר שטערן. ווייל דער טאג ווערט גרעכינט צו די פאריגע נאכט. און די נאכט וואס עס איז נאך דעם טאג ווערט גרעכינט צו מארגעדיגען טאג. איז דיא נאכט שון ניט פון דעם זעלביגן טאג וואס זיי האבן דעם נדר גטאן. דעריבער קענן זייא שון ניט דעם נדר פאר שטערן. ווייל זייא מוזן פאר שטערן נאר אין דעם זעלביגן טאג און די נאכט גהערט דאך שון צו דעם אנהבן טאג:

כלל ד

דער מאן און דער פאטער קענען נאר פאר שטערן אזעלכע נדרים וואס אין זיי איז דא עינוי נפש ודם הייסט זיי טוען זיך אנדר צו פייניגען. ענטוועדער צו פאסטן. אדר זייא זאלן ניט עסן אזו איין זאך וואס זייא ליבן דם צו עסן. און נאך מער וויא דאס קען דער מאן פאר שטערן

אזעלכע

אַזעלכע נדרים וואס זי האט איין נדר געטאן אונ דר נדר געהערט נאר צווישן מאן אונ ווייב (דאס קען יעדער פאר שטיין. מען דארף דאס ניט אום שרייבן) אדר זיא האט איין נדר געטאן זיך ניט צו צירן אונ דורך דעם ווערט זיא אוף אים מיאוס. די זאכן קען דר מאן פר שטערן. אבר אנדרע נדרים וואס עס איז אין זיי ניט דא די צוויי זאכן (דס איז זיך צו פייניגן אדר וואס עס געהערט צווישן מאן אונ ווייב) קען דער מאן אונ דר פאטער ניט פר שטערן:

כלל ה

וועןן איין אשה טוט אנדר דס זיא זאל ניט טאן אזעלכע ארבעט וואס זיא מוז טאן פר דעם מאן. ווי אן צו גיסן פר אים דעם כוס. אונ פאר אים אום בעטן די בעט. אונ נאך אנדערע מלאכות וואס מיר וועלן אי״ה שרייבן וואס דס ווייב מוז טאן פר דעם מאן. אונ זיא טוט זיך אנדר זיא זאל דס ניט טאן. איז דר נדר גאר קיין נדר ניט. ווייל זיא מוז דאס אלץ טאן אונ זיא קען זיך גאר ניט דער פון פרייא מאכן:

פרק דיני כיבוד אב ואם י״ג

כלל א

אויך זענען ווייבער מחויב אף צו געבן כבוד צו פאטער אונ מוטער. אונ מורא האבן פר זייא. אזו וויא מאנס לייט זענען מחויב. נאר ווען זיא האט אמאן אונ זיא קען דאך ניט טאן אלץ פאר איר פאטער אונ מוטער ווייל זיא איז צו געבונדן צום מאן. דעריבר איז זיא פטור צו טאן די זאכן פר פאטער אונ מוטר וואס דער מאן וויל ניט לייזן אז זיא זאל דס טאן. אבר ווען דער מאן ווערט איר ניט. אדר ווען זיא איז איין אלמנה אדר איין גרושה ווערט זיא ווייטער מחויב דס צו טאן:

פרק דיני תלמוד תורה י״ד

כלל א

די אלע איבריגע מצות וואס זייא האבן ניט קיין געשטעלטע צייט זייא מקיים צו זיין זענן אויך ווייבר חייב זייא צו טאן. נאר לערנן תורה אפילו דס איז דאך אויך אמצוה וואס מען מוז שטענדיג טאן. אונ עס האט ניט קיין געשטעלטע צייט. פון דעסט וועגן זענן ווייבר פטור דער פון. ווייל עס שטייט אין פסוק ולמדתם אותם את בניכם. דאס איז טייטש איר זאלט לערנן די תורה אייערע זין. אבר ניט אייערע טעכטר. פון דעסט

וועג׳

ווען מוזן ווייבר לערנן דיא מצות פון דר תורה וואס צו זייא געהערן אונ זיי ווענן מחויב זיי צו טאן. אונ דעריבר מוזן ווייבר אוך זאגן אין דער פריא דיא ברכות אוף דר תורה דאס איז (לעסוק בדברי תורה) אונ (אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו) אונ אזו ווייטר וויל זייא זענען דאך מחויב צו לערנן די מצות פון דר תורה וום זייא זענען מחויב צו מקיים זיין :

כלל ב

ווען איין אשה לערינט תורה האט זיא עולם הבא פר איר לערנן. נאר גמרא טאר זי ניט לערנן. אבר תורה נביאים וכתובים הגם זיא איז ניט גבאטן זי זאל דם לערנן אבר ווען זיא לערינט הט זיא עולם הבא דר פר :

כלל ג

איין אשה איז ניט מחויב צו דינגען איין מלמד פאר אירע יונגלעך צו לערנן תורה. נאר ווען זיא דינגט יוא. אדר ווען זיא העלפט אירע קינדער אדער איר מאן דם זיי זאלן קענן זיצן אונ לערנן. נעמט זיא אוך אחלק עולם הבא גלייך מיט זיי וויא ווייטר אין צווייטן חלק איז געשריבן :

פרק דיני פריה ורביה ט"ו

כלל א

אוך די מצוה פון פריה ורביה איז נאר גווארפן אוף דעם מאן. אבער ניט אוף די אשה. אונ ווען איין אשה נעמט ניט קיין מאן טוט זיא ניט קיין עבירה. דעריבר ווען איין אשה פר לאנגט אז דער מאן זאל איר גט געבן וויל זי קען פון אים קיין קינדר ניט האבן. הערט מען איר ניט. אונ מען נעמט דם ניט אן פר איין טענה. וויל זיא איז גאר ניט גבאטן קיין קינדר צו האבן. נאר ווען זי זאגט אז זיא וויל האבן איין קינד ווער עס זאל נאך איר בלייבן אונ זיא וויל ניט זיין אליין אין דער וועלט. הערט מען צו איר טענה. אונ מען נייטיגט דעם מאן ער זאל איר געבן גט. אבר ווען זיא הט שון איין קינד איין זון אדר איין טאכטר. הערט מען שון ניט צו איר טענה. אונ מען נייטיגט ניט דעם מאן דם ער זאל איר געבן גט. נאר הגם ווייבר זענען דאך פטור פון דער מצוה. איז דאך ניט רעכט זייא זאלן בלייבן אן איין מאן. וויל זיי קענן אריין פאלן אין לייטישע מיילער. אונ מען וועט איר חושד זיין אוף שלעכטע מעשים פון וום איין מענטש מוז זיך היטן. אונ אנדערע זאגן הגם זיא איז פטור פון די מצוה פון פריה ורביה

אבר

חובת נשים

אבר זי איז אויך געבאטן אויף דעם וואס דר נביא האט גזאגט (לא תהו בראה לשבת יצרה) דם איז טייטש גאט האט די וועלט ניט באשאפן זיא זאל בלייבן וויסט נאר זי זאל זיין באזעצט פון מענטשן אונ דם איז אויך גזאגט געווארן אויף ווייבר. דריבר דארפן ווייבר ניט בלייבן זיצן אן איין מאן:

פרק דיני מילה ט״ז

כלל א

אויך איז איין אשה ניט מחויב צו לאזן מל זיין איר זון נאר דער חיוב ליגט אויף דעם פאטער. ער מוז אים לאזן מל זיין. אונ ווען דר פאטער איז געשטארבן אדר ער איז ניט דא דער ביי מוזן בית דין אים לאזן מל זיין:

פרק דיני פדיון הבן י״ז

כלל א

אויך איז איין אשה ניט מחויב ווען עס ווערט געבארן ביי איר איין בכור אים אום צו לייזען. (צו געבן דעם כהן פינף טאלער). נאר דער פאטער מוז אים אום לייזן. אונ ווען דער פאטער איז געשטארבן אונ האט אים ניט אום געלייזט מוז ער זיך אליין אום לייזן מיט פינף טאלער אז ער ווערט גרוס.

פרק דיני לא תעשה י״ח

כלל א

אין דריטען כלל האבן אונז דיא חכמים געזאגט. דאס יעדרי לא תעשה אין דר תורה (דם הייסט וואס די תורה האט געזאגט דם מען טאר ניט טאן) סיי ווען זיי האבן איין געשטעלטע צייט. אדר זיי האבן ניט קיין געשטעלטע צייט. זענן ווייבר מחויב פון זייא גזהר צו זיין אזו וויא מאנס לייט.

כלל ב

דעריבר טארן ווייבר ניט טאן קיין ארבעט אום שבת. ווייל דיא תורה האט געזאגט מען טאר דאס ניט טאן הייסט דם איין לא תעשה. אונ דרינן זענן גלייך מאנס לייט וויא ווייבר. אונ איין אשה קומט אויך דער זעלביגער שטראף פאר דער עבירה וויא איין מאנס פארשוין. אונ באלד וויא ווייבר זענן אויך פאר באטן דאס זייא זאלן קיין מלאכה ניט טאן אום שבת. זענן זייא אויך גלייך אין אלע דינים וואס געהערט צו

שבת

שבת אזו וויא מאנס לייט. אונ עס איז קיין אונטר שייד ניט דא אין קיין זאך ווס עס איז נוהג אום שבת צווישן איין מאנס פארשון אונ איין אשה:

כלל ג

אוך זענן ווייבר פר באטן דס זייא זאלן ניט עסין קיין חמץ אום פסח.

אונ וואס דיא תורה האט גזאגט (כל מחמצת לא תאכלו) דאס איז טייטש זייא זאלן קיין חמץ ניט עסן דיא זיבן פון פסח. אונ אוך וואס די תורה הט גזאגט (ולא יראה לך חמץ ולא יראה לך שאור בכל גבלך) דס איז טייטש עס זאל ניט גזעהן ווערן קיין חמץ אונ קיין זויער טייג דיא זיבן טעג פון פסח אין אלע דיינע ערטר וואס גהערן צו דיר. דיא ביידע זאכן איז גזאגט אוך פר ווייבר וויא פאר מאנס לייט. דעריבער דארפן ווייבר אוך בודק חמץ זיין אין זייערע הייזער אזו וויא מאנס לייט. נאר ווען זיא האט איין מאן איז ניט רעכט, דס, דס ווייב זאל בודק חמץ זיין. אונ ווען דר מאן איז ניט דא אין דר היים. דארף זי בודק חמץ זיין אן שטאט דעם מאן:

כלל ד

וויל ווייבר טארן קיין חמץ ניט עסין מוזן זיי עסן מצה. אונ די מצוה פון צו עסן מצה אום פסח גהערט צו ווייבער אזו וויא צוא מאנס לייט. הגם די מצוה פון מצה איז דאך נאר צו אגישטעלטע צייט. דאס איז אום פסח. אונ אלע מצות עשה וואס האט אגישטעלטע צייט זענין דאך ווייבר פטור. נאר וויל דיא מצוה פון מצה עסן אום פסח הענגט אן דעם. ווער עס טאר קיין חמץ ניט עסן אום פסח מוז עסן מצה. אונ ווייבר טארן דאך אוך ניט קיין חמץ עסן דריבר מוזן זייא עסן מצה:

כלל ה

אין די אלע זאכן ווס מען מוז האבן צו דיא סדרים אום פסח זענן ווייבער אוך אזו מחויב וויא מאנס לייט. זייא מוזן טרינקן די פיר כוסות צום סדר. אונ עסן מרור. נאר אבר זיך אן צו לעהנען (הסבה) ווען זייא עסן אונ טרינקען צום סדר זענען ווייבר זיך ניט נוהג:

כלל ו

אויך דארפן דיא ווייבר קיין ארבעט ניט טאן אום יום טוב אזו וויא מאנס לייט. נאר דיא ארבעט וואס גהערט צום עסן ווי קאכן בראטן אונ באקן מעג מען טאן אום יום טוב אבער איין ארבעט וואס

געהערט ניט צום עסן טאר מען ניט טאן. אויך די ארבעט וואס געהערט צום עסן איז נאר אזעלכע ארבעט וואס מען האט ניט געקאנט טאן אום ערב יום טוב. אדר ווען מען וואלט דס געטאן אום ערב יום טוב וואלט דאס ביז יום טוב פר דארבן געווארן. וויא צו קאכן אום ערב יום טוב אוף דעם מארגענדיגען טאג ווערט דאך דאס עסן פאר קילט און פאר דארבן ביז יום טוב. אדר צו שטויסען בשמים ערב יום טוב וועבט דאך אום ביז יום טוב. דריבר מעג מען דס טאן אום יום טוב. אבר אזעלכע זאכן וואס עס קען ניט שאדן ווען מען וואלט דאס טאן אום ערב יום טוב טאר מען דס ניט טאן אום יום טוב:

כלל ז

דעריבער מוז איטליכע אשה וויסען דאס האלץ האבן אום יום טוב אדר קליינע העלצלעך צו מאכן אונטער דעם דרייפיס צוא לייגן אדר אנדערע מלאכות וואס דורך זיי מאכט מען צו רעכט דאס עסן און מען קאן דס צו רעכט מאכן אום ערב יום טוב טאר מען דאס ניט טאן אום יום טוב:

כלל ח

זאלץ אדר פעפער אדר זענעפט צו שטוסן אום יום טוב טאר מען ניט ווייל דאס זענען אזעלכע זאכן וואס אז מען וואלט דאס מאכען אפילו אום ערב יום טוב וואלט דאס אויך ניט פאר דארבן געווארן. דעריבר טאר מען דס ניט טאן אום יום טוב. סיידן מען זאל אביסיל אנדערש טאן. דהיינו איין ביגין דאס שטייבעל אדער דורך איין אנדר ארט פר ענדערין אז מען זאל זיך דר מאנן דורך דעם דאס עס איז יום טוב מעג מען דאס טאן:

כלל ט

מען טאר ניט אן שארפען איין מעסר אוף דעם שארף שטיין. און ווען עס איז דא שמאלץ אדער פעטיקייט אוף דעם מעסר. מעג מען רייבן דעם מעסר אוף איין האלץ אדער אוף איין שארבן אדער אויף איין אנדער מעסר עס זאל אראפ די פעטיקייט:

כלל י

ווען מען האט פאר געסן טובל צו זיין די נייע כלים אום ערב יום טוב טאר מען ניט טובל זיין אום יום טוב:

כלל יא

מֶען טָאר נִיט מַאכֶן קֵיין קֵעז אום יום טוב. אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט מַאכֶן קֵיין פּוּטֶער אום יום טוב:

כלל יב

מֶען טָאר נִיט וַוארֶעמֶען וַואסֶר אום יום טוב זִיךְ דֶר מִיט צוּ וַואשֶׁן אָדֶער צוּ וַואשֶׁן אַיין קִינְד דֶער מִיט. אוּנ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גֵיוִוטִיג טוּ מֶען פְרֶעגֶן אַיין שְׁאֵלָה:

כלל יג

מֶען טָאר נִיט אַרוֹיף שִׁיטֶען בְּשָׂמִים אוֹיף קוֹלִין כְּדֵי מֶען זָאל אוּם רֵייכֶערֶן דוּרְךְ דֶעם דִי שְׁטוּב. אָדֶער עֶס זָאל גוּט שְׁמֶעקִין:

כלל יד

פַאר לֶעשֶׁן אַיין פַייאֶר אום יום טוב טָאר מֶען נִיט. אַנְדֶערֶע זַאגֶן וֶוען מֶען קֶען זִיךְ נִיט שְׁטֶעלֶן קָאכֶן אַנְדֶערְשְׁט. סַיידֶן מֶען זָאל נָאךְ דֶעם קָאכֶן קֶענֶן פַר לֶעשֶׁן דֶעם פַייעֶר מֶעג מֶען פַר לֶעשֶׁן. נָאר גְלַייכֶר אִיז דֶם מֶען זָאל נִיט פַר לֶעשֶׁן נָאר מֶען זָאל דִיא גִיבְּרֶענְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ אַרוֹס לֵייגֶען אִין דְרוֹיסֶען אוּנ דָארְטֶען זָאלֶען זֵייא זִיךְ אַלֵיין פַאר לֶעשִׁין:

כלל טו

אַיין לִיכְט וָוס מֶען דַארְף זִי נִיט. טָאר מֶען נִיט אָן צִינְדֶען אום יום טוב. אָבֶּער וֶוען מֶען וִויל דָס עֶס זָאל לִיכְטִיגֶער זַיין אִין שְׁטוּב לִכְבוֹד יום טוב. וֶוען אֲפִילוּ מֶען הָט שׁוֹן לִיכְט אָן גְצִינְדֶען אום יום טוב מֶעג מֶען אָן צִינְדֶען:

כלל טז

וֶוען מֶען צִינְדֶעט אָן דִיא לִיכְט אוֹיף יום טוב מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה דְרוֹיף (אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם טוֹב) אוּנ דִי אִיבֶּרִיגֶע דִינִים פוּן לִיכְט בֶּענְטְשִׁין וֶועלֶן מִיר אי"ה שְׁרֵייבֶּן אִין צְווייטֶען טֵייל:

כלל יז

וַוייטֶער אִיז דָא נָאךְ זֵייעֶר פִיל דִינִים אוֹיף יום טוב אָבֶּר עֶס אִיז אוּם מִיגְלִיךְ זֵיי אַלֶע אוּם צוּ שְׁרֵייבֶּן אוּנ עֶס אִיז רֶעכְט דָם מֶען זָאל דָם אַלְץ פְרֶעגֶן אָדֶער הֶערֶן פוּן אַיין מוֹרֶה הוֹרָאָה:

פרק דיני חול המועד י"ט

כלל א

חוֹל הַמּוֹעֵד אִיז גְרִינְגֶער פַר יום טוב. דֶען עֶס אִיז דָא פִיל מְלָאכוֹת וָואס

אוּם

אום יום טוב טאר מען זייא ניט טאן · אבער אום חול המועד מעג מען דם טאן . למשל מאלין מעל אין מיל וום מען דארף דער פון באקן אדר קאכן אום יום טוב אדער אום חול המועד מעג מען מאלין אום חול המועד . אבר צו מאלין אום חול המועד אוף נאך יום טוב טאר מען ניט ·

כלל ב

וואשן גרעט אדר אפילו נאר איין העמד טאר מען ניט אום חול המועד ·

די חכמים האבן דם פאר באטן כדי יעדער מענטש זאל אום וואשן אלע זיינע קליידר פר יום טוב אונ ער זאל שון זיין די ערשטע טעג יום טוב ריין אונ ארום גפוצט . אבר ווען מען וואלט אים דער לובן צו וואשן קליידער אום חול המועד וואלט ער פאר יום טוב ניט וואשן אונ וואלט אפ לייגן צו וואשן זיין גרעט אום חול המועד וייל דאמאלס איז דאך אלײדיגע צייט :

כלל ג

נאר די מעגן יוא וואשן אום חול המועד ווייל זייא האבן ניט גיקענט וואשן פר יום טוב) ווער עס איז ערשט גקומען פון ווייטע לענדער · ווער עס ווערט ערשט פרייא פון גפאנגען שאפט אונ נאך אנדערע וואס האבן ניט גקענט וואשן פר יום טוב . אונ ווער עס הט נאר איין העמד . אונ איין אשה וום גפינט איין פלעק אוף דעם העמד אום יום טוב אונ זי הט ניט קיין אנדער העמד בשעת זיא דארף זיך ריין מאכן מעג זי דם העמד אום וואשן :

כלל ד

מען מעג אפ נעמן כלים גרעט אונ קליידער פון בעל מלאכה . אזעלכע וואס מען דארף האבן אוף יום טוב . אבער וואס מען דארף דאס ניט האבן אוף יום טוב · ווי למשל וואל פון איין פארבער טאר מען ניט אפ נעמן אום חול המועד :

כלל ה

מען טאר זיך ניט גאלין אדער שערען אום חול המועד אפילו ווען מען האט זיך גיגאלט ערב יום טוב . אדער מען הט זיך ניט גקאנט גאלין ערב יום טוב · אפילו ווען מען איז קראנק גוועזין פאר יום טוב אונ מען האט ניט גקאנט זיך גאלין אום ערב יום טוב . טאר מען אום חול המועד זיך ניט גאלין . סיידן ווען מען איז גוועסן אין תפיסה · אדר דעם

חובת נשים

ווס קומט פון ווייטע לענדר אום חול המועד אדר ערב יום טוב שפעט און האט קיין צייט ניט געהאט זיך אפ צו גאלן די מעגן זיך גאלן אום חול המועד. אבר אוך דיא ווס מעגן זיך גאלן טארן זיך ניט גאלן ווען אלע זעהן. נאר אז קיינער זעהט ניט:

פרק דיני לא תעשה עשרים

כלל א

אלין וואס דיא תורה האט אן גזאגט מען טאר דאס ניט טאן. טארן דאס ווייבער אויך ניט טאן. און עס איז גזאגט געווארען פאר אלעמען. אויס גנומען דיא לא תעשה וואס געהערט ניט צוא ווייבר. (אין איסור פון ליגן זאגן זענען ווייבר אזוי מאנס לייט גלייך. דעריבר וואו די עדות פון איין אשה קען יוא גוט זיין טארן זיי ניט חלילה פאלשע עדות זאגן) אוך די אלע זאכן וואס עס איז גזאגט געווארן וועגען דין ומשפט פר דיינים איז נאר גזאגט געווארן פאר מאנס לייט. ווייל ווייבער קענען קיין דיינים ניט זיין:

כלל ב

אויך האט דיא תורה אן גזאגט אז מען זאל ניט געוויינען איין קינד פיל צו עסן און צו טרינקען (ספר החינוך מצוה רמ"ח) ווייל עס קען דער פון ארוס קומען דס צום סוף קען ער ווערן איין גזלן און טייטן מענשען אין נאס נאר צו דער פילן זיין גוואונהייט. דס הייסט איין בן סורר ומורה. און דר פר באט איז נאר גזאגט געווארן פאר זכרים אבער ניט אוף נקבות. ווייל נקבות לאזן זיך ניט פאר פירן פון עסן און טרינקען אזוי ווי זכרים און דער סוף פון זייא וועט ניט אזוא שלעכט זיין. דריבער האט די תורה דאס ניט גזאגט אוף נקבות. פון דעסט וועגן דארף מען אפילו נקבות אוך היטן פון פיל עסן און טרינקען:

כלל ג

אויך וואס די תורה הט אן גזאגט דאס איין כהן טאר זיך ניט מטמא זיין צו איין טוטן. אבער צו זיין פאטער און מוטער און זין און טעכטער און צו זיין ברודער און שוועסטער (וואס הט ניט קיין מאן) מוז ער זיך מטמא זיין. זענען פון די ביידע זאכן ווייבר פטור. ניט זיי זענען פאר באטן דאס זייא זאלן זיך ניט מטמא זיין צו מתים. און ניט זייא זענען מחויב זיך מטמא צו זיין צו זייערע קרובים:

כלל ד

אוך פון דער לא תעשה לא תקיפו פאת ראשכם דס איז טייטש איר זאלט ניט אפ שערן די פאות פון דיא האר פון קאפ זענען ווייבער ניט פאר באטן אונ זייא מעגן זיך ארום שערען דיא פאות פון דיא האר פון קאפ. אוך ווען עס טרעפט אז עס וואקסט איין בארד ביא איין אשה מעג זיא זיך אפ גאלין אונ זיא איז ניט פאר באטן אוף דעם (לאו) פון (ופאת זקנם לא יגלחו) דאס הייסט דיין בארט טארסט דו ניט אפ גאלן ·

כלל ה

עס איז דא איין לא תעשה אין דער תורה וואס גייט נאר אוף ווייבר.

דס איז די לא תעשה פון (לא יהיה כלי גבר על אשה) דס איז טייטש איין אשה טאר ניט אן טאן קיין קלייד פון איין מאנס פארשוין · דעריבר טארן קיין ווייבער ניט אן טאן קיין פאנצער אונ קיין שווערד ווייל דאס איז דר שטייגר דס מאנס לייט זאלן דאס טראגן. אבער אום פורים איז אין אנדערע שטעט דער מנהג דאס ווייבער פאר שטעלן זיך אין קליידער פון מאנס לייט · אונ מאנס לייט אין ווייבערשע קליידר. דאס איז קיין עבירה ניט ווייל זייא מיינען נאר פון שמחת פורים וועגן · פון דעסט וועגן איז גלייבער אז מען זאל דאס ניט טאן:

כלל ו

איין אשה וואס גייט מיט איין שטעקיל אין גאס אונ זיא מיינט נאר זיך אן צו שפארן דרוף ווייל זיא איז שוואך. מאכט דס ניט אוס. אבער ווען זיא גייט דס פון צירונג וועגן. איז זיא עובר אוף דעם (לאו) פון (לא יהיה כלי גבר על אשה) אונ איז עובר איין איסור מלקות:

פרק כ״א דיני כישוף וניחוש

כלל א

איך האט די תורה פר זאגט (מכשפה לא תחיה) איין אשה וואס זיא איז איין מכשפה זאלסט דו ניט לאזן לעבן. דר פאר זאג איז ניט נאר אוף איין אשה איין מכשפה. דיא זעלביגע איז אוך אוף איין מכשף. דאס קיין זכר איין מכשף טאר מען אוך ניט לאזן לעבן. נאר די תורה האט דם גזאגט אוף איין מכשפה ווייל דער שטייגער איז פון ווייבער זיך אפ צו געבן מיט כישוף. ווייל זייא האבן איין לייכטען זינען לאזן זיי זיך אן רידען פון אלע נארישקייט אונ מיינען דם כישוף איז איין זאך. אונ זייא

באשעפטיגן

באשעפטיגן זיך דער מיט. דעריבער זאגט די תורה מכשפה לא תחיה:

כלל ב

דריבער מוז מען פאר זאגן אונזערע היליגע ווייבער אז זייא זאלן ניט פארן צו קיין טאטער. אונ זיי זאלן ניט לאזן קיין קארטען אויס ווארפן. אונ ניט גלויבען אין דיא אדער אין אנדערע נארישקייטען. ווארום דם איז אלץ איין ניצוץ פון די אלטע געצן דינער וואס האבן עוסק געוועזין אין כישוף:

כלל ג

מען טאר ניט גליבען אין איין ניחוש. דם הייסט די נארישע סימנים וואס אנדערע מאכן זיך פון דיא זאכן וואס עס טרעפט זיי. דהיינו. דער ביסן איז אים פון מול ארוס גפאלן. אדער דער שטעקן איז אים פון האנד ארוס גפאלן. אדער איין הירש איז אים דעם וועג אריבער. אדער איין שלאנג איז אים פר בייא גגאנגען אויף די רעכטע זייט אונ איין פוקס אוף די לינקע זייט. אדר מען הט אים באגעגנט אדר דעם וועג אריבער גגאנגען מיט פולען אדער מיט ליידיגן. דיא אלע זאכן איז אלץ אסור אפילו צו טראכטן דרינן אז דם איז אוף עטוואס איין סימן:

כלל ד

אזוי טאר מען ניט גליבן אונ אפשיטא ניט צו זאגן איך וויל ניט געבן אדער איך וויל נעמן אוף איין פולען פריא מארגן אדער אויף איין פולע וואך אדער אוף איין פולען חודש. אוך טאר מען ניט זאגן מען זאל שעכטן דעם האן ווייל ער האט גיקרייעט ווי איין קרא. אדר די הון ווייל זיא האט גיקרייעט וויא איין האן:

כלל ה

איין עין הרע ברענגט גוויס פיל קראנקייטן וויא די היליגע גמרא זאגט. אבר אפ צו שפרעכן איין עין הרע מיט די נארישע לחשים אונ מיט זאלץ ארום צו דרייען אונ לעקין אונ שפייען טאר מען גווים ניט. אונ דער וואס זאגט נאך דרוף דעם לחש וואס אין אים איז דא איין פסוק אונ ער זאגט דעם לחש אויף לשון הקודש אונ שפייט דר נאך וויא די מארע איז. דער פר לירט זיין חלק לעולם הבא אונ אז ער שפייט ניט איז חאטשי די עולם הבא פר לירט ער ניט אבר אוף איין איסור איז ער. אונ דער וואס שיקט צו אים אפ שפרעכן גווים עובר. דעריבער

ווא מען אין די קראנקייטן פון איין ען הרע זיך נאר פר לאזן אויף גאט ברוך הוא. אונ האבן איין רייניגע אמונה אז ער וועט אליין העלפן. און אלע לחשים. ובזכות דעם וועט גאט ברוך הוא גווים באלד צו שיקין דיא גאנצע רפואה:

כלל ו

פרומע ווייבער וועלן גווים פרעגן עס איז דאך איין פליאה. ווי באלד אז דיא זאכן פון איין טאטער אדער איין ען הרע אפ צו שפרעכין איז נארישקייט אונ עס איז נאך איין איסור אויך. פר וואס זעהט מען אז איין טאטער אדער דער אפ שפרעכין העלפט אונ דער קראנקער ווערט נאך דעם גזונד. דעריבער זאלן אונזערע הייליגע ווייבער וויסן אז אזו איין פליאה איז שוין גיפרעגט גווארן אין דער גמרא הקדושה (מסכת עבודה זרה דף כ"ה ע"א) איין כאן וואס האט געהייסן זונן הט גזאגט צו רבי עקיבא כיין הארץ אונ דיין הארץ ווייסן אז די עבודת גלולים האט ניט קיין ממש. מיר זעהן דאך אז די מענשן וואס זענן קראנק גייען דארטן אונ קומען גזונד. וואס איז דער טעם דער פון. האט צו אים רבי עקיבא גזאגט איך וויל דיר געבן איין משל צו וואס די זאך איז גליך. צו איין ערליכען מאן וואס איז גוועזין אין איין שטאט. אונ די אלע שטאט לייט פלעגן ביי אים באהאלטן זייערע זאכן אן עדות. איז גקומען אייגער אונ האט ביי אים באהאלטן מיט עדות. איין מאל האט ער פאר געסן אונ האט ביי אים באהאלטן אן עדות. הט דם ווייב פון דעם ערליכן מאן צו אים גזאגט מיר וועלן אים פאר לייקענן (פר וואס ער גלייבט אונז נישט קיין מאל) הט דר ערליכער מאן צו איר גזאגט צי דען ווייל דער שוטה טוט אום רעכט (אונ גלייבט אונז נישט אן עדות) וועלן מיר פאר לירען אונזר ערליכקייט. ניין. דאס זאלן מיר נישט טאן. אזו אויך איז מיט די יסורים אונ קראנקייטן. בשעת זייא ווערן גשיקט אויף דעם מענטשן באשווערט מען זיי אז זיי זאלן ניט קומן צו אים נאר אין יענעם טאג. אונ זיי זאלן ניט אוועק גיין פון אים נאר אין יענעם טאג אונ אין יענער שעה אונ דורך יענעם דאקטער אונ דורך יענער רפואה. וויא באלד דיא צייט קומט זיי זאלן פון דעם מענשן אוועק גיין גייט ער צו דר עבודת גלולים זאגן די יסורים אונ די קראנקייטן עס איז רעכט מיר זאלן פון דעם שוטה ניט אוועק גיין (כדי ער זאל ניט מיינען אז די עבודת גלולים (אדר וואס דר צו גליך איז) הט אים גהאלפן). דר נאך זאגן די יסורים אונ די קראנקייטן

צו זיך • צי דען ווייל דער שוטה האט געטאן אום רעכט וועלן מיר עובר זיין אויף אונזער שבועה וואס מיר האבן געשווארן • ניין • מיר מוזן אוועק גיין פון אים איבער אונזער שבועה • זאגט דרויף די הייליגע גמרא דאס איז וואס רבי יוחנן האט געזאגט וואס איז דאס וואס אין פסוק שטייט ותחליים רעים ונאמנים (דאס איז טייטש קראנקייטן וואס זענען שלעכטע אונ ערליכע) • איז דער פירוש אזוי • זיי זענען שלעכט מיט דעם וואס מען שיקט זייא צו פלאגן דעם גוף פון מענשן • אבער זייא זענען ערליך מיט דעם וואס זייא זענען מקיים זייער שבועה אוועק צו גיין ווי עס קומט זייער צייט • אפילו יענער איז איין שוטה אונ טוט איין עבירה צו גיין צו דער עבודת גלולים זי זאל אים העלפן • אדער אין אונזער ענין אז ער פארט צום טאטער אדער ער גייט איין עין הרע אפ שפרעכן אדער צו אנדערע נארישקייט • פון דעסט וועגן אז עס קומט די צייט וואס די קראנקייטן מוזן אוועק גיין • גייען זייא אוועק • אונ מען מוז וויסן אז דאס וואס זיי זענען אוועק גאנגען איז ניט איבער די נארישקייט • ניין נאר איבער זייער שבועה

כלל ז

מען מוז וויסן אז אין דער גמרא הקדושה איז דא פיל לחשים • אבער אויף די לחשים וואס אין דער הייליגע גמרא שטייט מיינען מיר ניט • חלילה • יענע לחשים ווען מען וואלט נאר וויסן ווי מיט זיי עוסק צו זיין וואלט געווים גוט געוועזן • אבער יעצט האבן מיר ניט אזעלכע וואס זאלן דאס וויסען דריבער זענען דיא אלע יעטצדיגע לחשים נאר נארישקייט • אונ מען טאר ניט אין זייא גלייבן :

כלל ח

דער כלל איז • מען מוז נאר אין גאט ברוך הוא אליין גלייבן • אונ מען טאר ניט גלייבן אונ טראכטן אין די אלע נארישקייט • אונ מען מוז וויסן אז דם רוב פון די וואס זענען עוסק אפילו אין שמות דם זענען די בעלי שמות גייט זיי ניט אום קיין גוטער סוף ווי אין שלחן ערוך (יו"ד סי' קע"ט סעיף י"ד בהגהה) שטייט • דריבער ווער עס וויל זיין נפש היטן זאל זיך פון דיא אלע זאכן דער ווייטערן • אונ זאל מקיים זיין ווי אין פסוק שטייט (תמים תהיה עם יי אלהיך) דם איז טייטש דו זאלסט גאנץ זיין מיט גאט דיין אלמעכטיגער גאט • דם הייסט ער אליין קען העלפן אונ הט געגעבן רשות צו איין דאקטער ער זאל היילן מיט די זאכן וואס ער הט בשאפן אז דאס זאל העלפן צו די קראנקייטן • אונ אויך אויף פרנסה אונ אנדערע זאכן איז נאר גאט ברוך

הוּא אַלְיין דֶר מַשְׁגִיחַ. אוּנ אַלֶע סִימָנִים אוּנ נִיחוּשִׁים קֶען גָאר נִיט הֶעלְפֶן צוּ קֵיין זַאךְ. אוּנ דֶער וָואס גְלֵייבְּט נָאר אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא אַלְיין. אוּנ גְלֵייבְּט נִיט אִין דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייט וָואס אוֹבְּן אִיז גִישְׁטַאנֶען אוּנ חוּץ דֶעם אִין אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייט. וֶועט אוֹיף אִים מְקוּיָם וֶוערֶן דֶר פָּסוּק (ועבדתם את יי אלהיכם וברך את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך) דָס אִיז טַייטְשׁ אַז אִיר וֶועט דִינֶען אוּנ גְלֵייבְּן אִין גָאט אַייעֶר אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט (אַלְיין. אוּנ נִיט וִוי דִי גֶעצֶן דִינֶער וָוס דִינֶען אוּנ גְלֵייבְּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייט) וֶועט גָאט בָּרוּךְ הוּא בֶּענְטְשֶׁן דַיין בְּרוֹט אוּנ וַואסֶער (דְהַיְינוּ עֶס זָאל אוּנְז נִיט פֶעלֶן קֵיין זַאךְ. וָוארוּם דֶער הוֹיפְּט פוּן אַלֶץ אִיז בְּרוֹט אוּנ וַואסֶער) אוּנ אִיךְ (זָאגְט גָאט בָּרוּךְ הוּא) וֶועל אָפּ טָאן אַלֶע קְרַאנְקֵייטֶן פוּן דִיר:

פרק דיני קידוש השם כ״ב

כלל א

עֶס אִיז דָא נָאךְ אֵיין מִצְוָה וָואס אַלֶע יוּדֶען זֶענֶען מְחוּיָב. דָס אִיז (ונקדשתי בתוך בני ישראל). דָאס אִיז טַייטְשׁ גָאט זָאגְט אִיךְ זָאל גֶהֵיילִיגְט וֶוערֶן אוּנְטֶער דִי קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל. דָס הֵייסְט וֶוען מֶען זָאגְט אֵיין יוּדֶען דוּ זָאלְסְט עוֹבֵר זַיין אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי דְרַייא מִצְוֹת. דָס זֶענֶען גֶעטְצֶן דִינֶסְט. זְנוּת. אוּנ בְּלוּט פַר גִיסֶן. אוּנ וֶוען נִיט וֶועט מֶען דִיךְ הַארְגֶען. מוּז עֶר זִיךְ בֶּעסֶר לָאזֶען דָס מֶען זָאל אִים הַארְגֶען אוּנ זָאל נִיט אִיבֶּער טְרֶעטֶן אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי דְרַייא מִצְוֹת:

כלל ב

דָאס אִיז אַלֶץ אַז קֵיינֶער זֶעהְט נִיט. אָבֶּער אַז דָס אִיז בְּפַרְהֶסְיָא דְהַיְינוּ עֶס אִיז דָא צֶעהֶן יוּדֶען דֶר בַּייא אוּנ דֶער וָואס נֵייטִיגְט אִים מֵיינְט נָאר אִים אַרָאפּ צוּ פִירֶן פוּן יוּדִישְׁקֵייט. אִיז אֲפִילוּ אוֹיף אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת חוּץ דִיא דְרַייא טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט אוֹיף זֵייא עוֹבֵר זַיין אוּנ מֶען מוּז בֶּעסֶר זִיךְ לָאזֶען הַארְגֶענֶען נָאר זֵייא נִיט עוֹבֵר זַיין:

כלל ג

בְּשַׁעַת עֶס אִיז גִוֶועזֶען אֵיין גְזֵירָה אוֹיף יוּדֶען זֵייא זָאלֶען זִיךְ אוּם שְׁמַדְין ר״ל הָאט גַדַארְפְט דֶער קִידוּשׁ הַשֵׁם זַייעֶר גְרוֹס זַיין. אוּנ דַאמָאלְס טָאר מֶען נִיט עוֹבֵר זַיין אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין הֵיילִיגֶען יוּדִישֶׁען מִנְהָג אוּנ מֶען מוּז זִיךְ אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם אוֹיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין:

כלל ד

דאס איז ארץ אז מען צווינגט אים עובר צו זיין אויף איין מצות לא תעשה דם הייסט ער זאל טאן אזו איין זאך וואס מען טאר ניט טאן. אבר אז מען צווינגט אים עובר צו זיין אויף איין מצות עשה דאס הייסט ער זאל ניט טאן די זאך וואס ער איז מחויב צו טאן. למשל אזו מען הט חלילה גוזר געוועזן אז מען זאל קיין ציצית ניט איין מאכן אין ארבע כנפות אדער מען הט חלילה גוזר געוועזן אז מען זאל קיין תפילין ניט לייגען. אדער מען האט חלילה גוזר געוועזן אז מען זאל קיין קינד ניט מל זיין אדער אזעלכע אנדערע זאכן וואס זייא זענען מצות עשה. דארף מען ניט זיך לאזן הארגענן אום דם צו מקיים זיין. ווייל אז חלילה די רשעים וואס האבן דאס גוזר געווען וואלטן וועלן קענען זיי מבטל זיין דעם מענשן פון די מצות מיט דעם וואס זייא זאלן אים חלילה אריין זעצן אין תפיסה וועט דאך שון ממילא דיא מצוה בטל ווערן. אבר אז דיא צייט דארף דם האבן דהיינו דר קידוש השם איז זייער גרום אז ער וועט זיך מוסר נפש זיין איבר איין מצות עשה. מעג ער זיך מוסר נפש זיין און די מצוה מקיים זיין. אונ דיא ראיה איז פון דניאל וואס ער האט זיך מוסר נפש געוועזן איבר תפלה בשעת דריוש המלך הט גוזר געוועזן אז קיינער זאל ניט מתפלל זיין צו גאט ברוך הוא אונ ווער עס וועט מתפלל זיין זאל מען אים אריין ווארפן אין איין לייבן גרוב. אונ דניאל האט זיך מוסר נפש געוועזן אונ האט דריי מאל אין טאג מתפלל געוועזן צו גאט ברוך הוא אונ מען הט אים אריין געווארפן אין איין לייבן גרוב אונ גאט ברוך הוא הט געשיקט איין מלאך צו פאר שליסען דיא מיילער פון די לייבן אונ דניאל איז פון זיי ניצול געווארן. אונ דער קידוש השם דער פון איז געוועזן זייער גרום. (די איבריגע דינים זאל מען זעהן אין יורה דעה (סימן קנ"ז) דארטן איז דא אלץ מבואר):

כלל ה

ווען מען צווינגט איין אשה זיא זאל איבר טרעטן אויף דיא מצות פון געטצן דינסט אדר בלוט פאר גיסן מוז זיא זיך אויך לאזן הארגענן אונ ניט איבר טרעטן די צוויי מצות. אבר ווען מען צווינגט איר צו זנות. אונ ווען ניט וועט מען איר הארגענן דארף זיא זיך ניט לאזן הארגנן אונ קען איבער טרעטן איבר דעם איסור פון זנות. דאס איז אז די אשה טוט בשעת מעשה גאר ניט. אונ זי ווערט גאר אן גרופן קרקע עולם.

דם

דאס הייסט נאר וויא איין שטיק ערד צום אקערן. דיא ראיה איז פון
אסתר מיט אחשורוש: וואס זיא איז צו איהם גנומן געווארן אונ זיא האט זיך
ניט געטייט. אונ ווייל איר כוונה איז דאך נאר צו גוטן געווען דעריבער האט
זיא זוכה געווען צו מציל זיין כל ישראל פון טויט. אונ פר זייא צו ברענגען
איין גאולה. אונ האט זוכה געווען אז פון איר איז ארוס געקומן דריוש
המלך וואס ער האט ערלויבט אונ געהאלפן צו בויען דעם בית המקדש.
ובזכות נשים צנועות וצדקניות זאלן מיר זוכה זיין אז די גאולה זאל גיך
אונ באלד קומן אונ דר בית המקדש זאל געבויעט ווערן במהרה בימינו. אמן:

תם ונשלם חלק ראשון:

חלק שני

הקדמה להלכות נדה

בימים אין דיא פאריגע צייטן. איז איין אשה נדה זייער דער ווייטערט
געוועזן פון די לייטן. דען אזו איז איר נאמן פון אייביג נדה דאס
איז דער טייטש פאר וואגעלט דם זיא איז פון לייטן אפ געזונדערט געווען
דם זיא זאל בייא קיין מענשן קומן. אונ דם קיינער זאל מיט איר ריידן. דען
דיא היידן פר צייטן פלעגין זיך פר אומריינגן אין אלער אומריינקייט
דריבר איז די תורה הקדושה געקומן אום ישראל צו היליגן אונ זייא אפ
צו שיידן פון אלע עובדי גלולים אונ אום זייא צו דר ווייטערן פון אלע
טמא זאכן אונ זיי זאלן זייערע קינדר געווינען בקדושה. דרום אויך דורך
די וויסן שאפט ווי איין אשה ווערט טמא אדר טהור זיין אזו האט דיא
תורה געבאטן צו היטן די טעג פון די נדה. אונ ווען דם פון איר רינט דם
הייסט ימי זיבה דם איז נאך הארבר אלם ימי נדה. דען זי מוז ציילן שבעה
ימי נקיים אויך ווי זיך איין יולדות זאל נוהג זיין אונ דם זי זיך מוז דר נאך
טובל זיין אין איין כשרה מקוה. גלויבט איז גאט דער וויים אלע פר
בארגענהייטן דם זיין גנאד איז געוועזן צו ישראל אונ ער איז איין רופא צו
ישראל דר אלם פר באטן האט מיט זיין חכמה ער האט געוואוסט דם עס איז
נייטיג: (וחכמי) אונ די חכמי ישראל די מיט איר פר שטאנד פר שטאנען
האבן דען סוד ווי מען זיך פון איר דער ווייטערן זאל, האבן געזאגט אין
(מסכת נדה) איין תלמיד חכם זאל קיין שלום אנביטן צו איין אשה נדה. אונ
אונ

הקדמה

אוב שוין די חכמים האבן גזאגט אלע מלאכות די איין אשה איז מחויב צו
טאן צו איר מאן מעג איין אשה נדה אוך טאן נאר דאס בעט מאר זי ניט
פר דעם מאן צורעכט מאכן אונ זאל פר אים קיין כוס ניט צו רעכט מאכן
אונ אוך ניט וואסר געבן אום זיין פנים אונ הענד אונ פים צו וואשן אבר
אנדערע ארבעט מעג זיא טאן. נאר דם האבן זיי דרום מתיר גוועזן וויל
ניט אלע האבן דינסטין אים זיינע מלאכות צו טאן. אבער ווער זיך פון
איר קען פורש זיין פון אלע זאכן דר היט זיין לייב פון צרות:
ועל כלם) אונ איבר אלם מוז זיך דר מאן היטן ניט צו זאמן צו זיין אפילו
ווען זיא האט זיך ווייס אן געקליירט ביז זיא האט זיך טובל גוועזן.
אפילו ווען ער וואלט ביי איר זיין ווען ער אפילו אין זיינע קליידר איז
אן גטאן אונ זי אין אירע קליידר איז אוך אסור, דען איבר אזו אזאך איז
גישטארבן אגרוסר תלמיד חכם אין די העלפט פון זיינע יארן. אזו וויא
מיר גלערינט האבן אין (מסכת שבת) מען הט גלערינט אין בית המדרש
פון אליהו הנביא איין מעשה איז גוועזן דם איינער האט פיל פסוק אונ
גמרא גלערינט אונ איז גישטארבן אין די העלפט פון זיינע יארן. אזו הט
זיין ווייב גנומן זיינע תפילין אונ איז דר מיט ארום גיגאנגען אין די בתי
כנסיות אונ אין בתי מדרשים אונ האט גזאגט עס שטייט אין דער תורה
זי איז דיין לעבן אונ דר לענגערט דיר דיינע טעג. מיין מאן הט פיל פסוק
אונ גמרא גלערינט ווארום איז ער גשטארבן אין די העלפט פון זיינע יארן.
אזו הט איר קיינר ניט גוויסט תשובה צו געבן. זאגט אליהו הנביא איין
מאל בין איך ביי איר צו גאסט גוועזן. אזו האב איך ביי איר גיפרעגט
ווי הט זיך דיין מאן מיט דיר נוהג גוועזן ווען דו ביסט נדה גוועזן. אזו זאגט
זיא חס ושלום ער הט מיך ניט אן גרירט אפילו אין מיין קליינן פינגר. פרעגט
אליהו הנביא ווידר וויא הט ער זיך נוהג גוועזן אין די טעג דם דו האסט
ווייס אן גיקלייד. זאגט זי ער הט מיט מיר גיגעסן אונ גיטרונקן. אונ
הט ביי מיר גשלאפן דיכט אן מיין לייב. אבער ער הט קיין גדאנקן גהאט אום
ווייטער עפעס צו טאן. אזו הט אליהו גזאגט גלובט איז גאט דער אים
הט דער שלאגן אונ הט אים ניט פר שונט וויל ער הט תורה גלערינט.
דען די תורה הט גזאגט דו זאלסט ניט גנענן צו דיין ווייב ווען זי טמא איז
פון נדה ביז זי הט זיך טובל גוועזן. ווי (רבי דימי) איז גקומן קיין בבל
הט ער גזאגט עס איז אין איין בדייט בעט גוועזן אזו האט ער גימיינט
אז ער מעג שון אין אזו אבעט ליגן אונ עס איז אסור דרום איז ער גשטארבן.
אין ארץ ישראל הט מען גזאגט אז (רבי יצחק) הט גזאגט ער האט איין
גארטל

הקדמה

צארטל צווישן זיי גלייגט פאר איין צווישן שייד אזו האט ער גמיינט דען מעג ער שון ביי איר אין בעט ליגן אונ עס איז אסור: (ואחר כך) אונ דר נאך וויא די ווייבר פון ישראל האבן גזעהן אז זיי ניט קענן באזונדר ציילן די טעג פון נדה אדר זיבה אזו האבן זיי דם הארבסטע פון אלע ביידע אוף זיך גנומן כדי זיי זאלן זיך דר ווייטערין פון דער עבירה. אונ האבן אוף זיך מחמיר גוועזן ווען זייא זעהן איין טפה דם אפילו עס איז אזו ווייניג ווי אזענפט קארן אזו ציילן זיי זיבן ריינע טעג אונ אזו איז אוך די זאך ביי דיא נשים גיבליבן אזו הארב אלס ווען עס וואלט גישטאנן אין דער תורה. אוך האבן זיי מחמיר גוועזן ווען זייא גפינן איין פלעק וואס איז ניט גאנץ רוט אזו רעכינן זיי עס אלס ווען זיי וואלטן גזעהן דם טמא: (והרחיקו) אוך האבן די חכמים איר דר ווייטערט פון דר עבירה אונ האבן גבאטן אז זיא זאל ניט ביי איר מאן זיין ווען עס איז נאהנט צו איר צייט צו קריגן, אזו וויא מיר האבן גלערינט אין (מסכת שבועות) דיא רבנים האבן גלערינט איר זאלט אפ שיידן די קינדר ישראל פון איר אונריינקייט ער זאגט (רבי יאשיה) דא דר פון לערנן מיר אז דר מאן מוז זיך פורש זיין פון זיין ווייב ווען עס איז נאהנט צו איר צייט צו האבן. אזו פרעגט די גמרא וויא לאנג ער מוז זיך פריער פורש זיין אזו זאגט (רבא) איין טאג. ווען זי גוואונט איז צו זעהן ביי טאג אזו איז זי צו אים אסור דעם גאנצן טאג. אונ ווען זי גוואונט איז צו זעהן ביי נאכט אזו איז זיא צו אים אסור די גאנצע נאכט. (אמר) הט גזאגט (רבי יוחנן) פון וועגן (רבי שמעון בן יוחאי) ווער זיך ניט פורש איז פון זיין ווייב ווען זי זאל איר צייט האבן ווען ער האט קינדר וואס זענן אפילו אזו פרום ווי די קינדר פון אהרן אזו שטארבן זיי דען עס שטייט אין פסוק זיי זאלן זיך אפ שיידן די קינדר ישראל פון די אום ריינקייט ווען די אשה זאל נדה ווערן אונ ווייטער שטייט אז די צוויי קינדר פון אהרן זענען גישטארבן אום צו ווייזען אז ווער זיך דאדורך פר זינדיגט האט אז דיא קינדר שטארבן אפילו ווען זייא זענען אזו וויא די קינדר פון אהרן. זאגט (רבי חייא בר אבא) ער זאגט (רבי יוחנן) יעדר וואס איז זיך פורש פון זיין ווייב ווען זי זאל איר צייט קריגן דר ווערט זוכה זיין צו האבן בנים זכרים. אזו שטייט אין פסוק מען זאל אצווישן שייד מאכן צווישן הייליג אונ ניט הייליג אונ וואס ריין אדר אום ריין איז דען ווערט איר זוכה זיין צו האבן קינדר (זכרים). (רבי יהושע בן לוי) זאגט ער ווערט קינדר האבן וואס ווערן זיין ראוי צו פאסקנן אין דר תורה אזו ווי עס שטייט אין פסוק ווען ער זיך ווערט אפ שיידן פון

זיין

הקדמה

זיין ווייב סמוך לוסתה אזוא וועט ער קינדער האבן דיא וואס ראוי להוראה וועררין זיין צוא ישראל:

וגם אונ אויך איז אסור צום מענשן אז ער זאל ניט פיל התקרבות מאבן מיט זיין ווייב ווען זי איז איין נדה. אונ זי זאל זיך ניט פיל צירין פר איר מאן ווען זי איז איין נדה אונ דר כלל איז אלע זאכן וואס ברענגען דעם מענשן צו ליבשאפט מיט זיין ווייב דס איז אסור ווען זי איז איין נדה. כדי זייא זאלן ניט קומען צו איין עבירה צו טאן. אונ זיא מוז זיך פון איר מאן דר ווייטערן אין אלע זאכן אלס ווי איין אשת איש. נייערט ער מעג מיט איר אליין אין איין הדר זיין. ווייל עס וועט איין צייט קומן וואס זי וועט אים מותר זיין אזו וועט ער גווים ווארטן אונ וועט ניט באיסור ביי איר זיין. אויך געפינן מיר אין מדרש דס די תורה הט אן גוויזן אן אדם הראשון דיא זאך פון איין נדה דען עס שטייט אין פסוק (אעשה לו עזר כנגדו) דס איז גמיינט אזו פיל טעג אלס ווי (עז"ר) אין דר צאל הט איז די אשה מותר צום מאן אין יאר אונ ווי פיל טעג אלס (כנגד"ו) אין דער צאל האט איז זיא אים אסור אין יאר, אונ ווען ער חס ושלום הט עובר גוועזן אונ איז דאך ביי איר גיוועזן אין דר נדה אדר ווען זי זיך ווייס אן גצוגן האט אונ הט זיך ניט טובל גוועזן אזו איז דאס קינד איין פסול אונ דר סימן דר פון איז דאס ער איז איין עזות פנים אזו האבן מיר גלערינט אין (מסכת כלה). (רבי יהודה) זאגט איין עזות פנים קומט אין גיהנם אונ איין בושת פנים קומט אין גן עדן אונ ווער אן דער זאך האלט אזו ווערן זיינע קינדער היילגע קינדער זיין אונ ער וועט זוכה זיין צו חלק לעולם הבא:

דינים פון הלכות נדה

סימן א

א מחמת רוב ווייבער האבן זייער גוועצטי צייט פון דרייסיג טעג ביז דרייסיג טעג אדר אלע צוואנציג טעג אדר מער אדר וויניגר מעג דער מאן ביא איר זיין ווען די צייט ניט איז. אונ זי דארף קיין בדיקה ניט. זי זאל אויך ניט מחמיר זיין מיט בדיקות פר דעם מאן בשעת מעשה. אבר ווען דר מאן זעהט ניט, וואס זי איז זיך מער בודק וועט זי מער שכר האבן:

ב ווען די צייט קומט זי זאל איר ווסת באקומן מוז זיך דער מאן אפ שיידן איין צייט פריער. דהיינו אז דער דרייסיגסטר טאג אדר איין אנדערער טאג

דער מאן ביי איר ניט זיין
טאג פון איר וסת קומט אום פאר נאכט טאר
דעם גאנצן טאג פריער פון גאנץ פריא אן. און אז זיא האט זיך בודק
געוועזין פר נאכט פרין און האט ניט געזעהן מעג ער זיין ביי איר דעם טאג
דער נאך. און ווי ווייטער וועט שטיין. דעסט גלייכן ווען איר צייט איז
די דרייסיגסטע נאכט איז זיא צו אים אסור די גאנצע נאכט. און אין דעם
גאנצן טאג דר פריער און דר נאך איז זיא מותר. דעסט גלייכן ווען איר
צייט איז דעם דרייסיגסטן טאג גאנץ פריא. איז זי אסור צום מאן דעם גאנצן
טאג אפילו פר נאכט חאטשי זי האט ניט געזעהן. און די נאכט דר פריער
דהיינו וואס געהער צום דרייסיגסטן טאג איז זי מותר. עס איז קיין חילוק ניט
ווען די צייט איז תחילת הלילה אדר מיטן דער נאכט אדר אוף דער
נאכט איז אלץ דר דין ווי דא איז גישטאנען. גם עס איז קיין חילוק ניט
צי זיא האט שון קובע געוועזין איר צייט דריי מאל צי נאר איין מאל.
גם איז קיין חילוק ניט ווען זיא איז צו אים אסור נאהנט צו דער צייט
איז אויך אסור אפילו מחבק צו זיין אדער מנשק צו זיין:
ג איין אשה וואס האט איר צייט אמאל דעם זיבן און צוואנציגסטן טאג
און אמאל דעם אכט און צוואנציגסטן טאג און כדומה צוויי אדער דריי
טעג איז אסור די צוויי אדער דריי טעג און ווי דר דין וואס אובן איז גשטאנען:
ד ווען איר צייט קומט אום איידר די זון גייט אוף געהער עס נאך צו דער
נאכט איז זי ביי נאכט אסור. און ווען זי איז מסופק ווען איר צייט
קומט צי פר דר זון אוף גיין צי דר נאך. איז זי אסור איין גאנצן מעת
לעת. דהיינו די נאכט דער פריער און דעם טאג דער נאך. דעסט גלייכן
ווען זי איז גווינטליך צו זעהן צווישן טאג און נאכט (דאס הייסט בין
השמשות) איז זיא אויך אסור דעם טאג און די נאכט דר נאך:
ה ווען זי איז איין מעוברת אדר איין מינקת בעדארף זיא ניט צו זארגען
אוף דער געזעצטי צייט וואס זי האט געהאט פריער כל זמן זי זעהט ניט:
ו מען זאל זיך ניט טועה זיין מחמת דא איז גשטאנען פריער זיא איז אסור
איין גאנצן טאג אדר זי איז מותר דעם טאג וועט מען מיינען אז דער
מאן מעג ביי טאג ביי איר זיין ווען זי איז מותר. חס ושלום צו אונז עס
קדוש דס איז מעשה בהמה ביי טאג צו זיין ביי דעם ווייב נאר סיידן אין
איין פינצטערן חדר אדר באופן אחר וויא עס שטייט אין שלחן ערוך:
ז ווען דר מאן איז ביי זיין ווייב אין דער צייט וואס ער טאר ניט דאס
הייסט אין די צייט פאר איר וסת ווי אובן איז גישטאנען חאטשי זיא
האט נאר נישט געזעהן דאך מוזן זיי ביידע תשובה נעמן:
איין

סימן ב

א איין אשה וואס האט ניט קיין גזעצטע צייט איז זי אסור צו איר מאן דעם דרייסיגסטין טאג ווייל דאס איז די צייט פון רוב ווייבער. אין דעם דין איז פיל צו רייד נאר ווייל רוב נשים האבן יוא זייער גזעצטי צייט האבן מיר מקצר גוועזן אונ זיא מוז האבן שאלת חכם ווי אזו זיא זאל זיך נוהג זיין מיט פרישה סמוך לווסת:

ב די אשה וואס קיין גזעצטע צייט האט מוז זיא זיך תמיד בודק זיין קודם תשמיש ואחר תשמיש דאס הייסט פריער אונ דר נאך אוב עס געפינט זיך ניט עפיס דאס נדה אוף איר אדר אוף וואס ער האט זיך אפ גוואשט אפילו ווען דר תשמיש איז עטליכע מאל בלילה אחת איז גנוג בדיקה איין מאל תחלת הלילה אונ איין מאל אין דר פריא בודק צו זיין זיך גם זיין טיכיל וואס ער איז זיך מקנח אונ וואס זי איז מקנח לאחר תשמיש:

ג דאס איז איין כלל די אשה וואס האט ניט קיין גזעצטע צייט האט דער דרייסיגסטער טאג ביי איר דעם דין וויא ביי איין אנדערע אשה דר טאג פון דר גזעצטער צייט

סימן ג

א איין אשה וואס האט איין גזעצטע צייט ווען דיא צייט קומט וויא איר חשבון האטשי זי פילט ניט מוז זי זיך בודק זיין מיט איין רעכטע בדיקה אונ ווען זיא האט זיך ניט בודק גוועזן אין דר צייט נאר דער נאך האט זיא זיך בודק גוועזן אונ האט גאר ניט גפונען גם זי האט גאר ניט געפילט דארף זי איין שאלת חכם ווארום עס איז דרינען חילוקי דעות וואס דאס גיהער צו איין מורה הוראה. אבער גאר אן בדיקה דארף גאר קיין שאלה ניט ווייל זי איז בוודאי אסור אפילו זי האט גאר ניט גפילט:

ב דאס איז דר דין ביי איין אשה וואס האט איר גזעצטע צייט אבער איין אשה וואס האט ניט איר גזעצטע צייט איז דר דרייסיגסטער טאג אוך אזו.

סימן ד

א אז ער וויל גיין אין וועג אריין נאהנט צו דר צייט זאל ער זי פוקד זיין מיט חיבוק ונשוק האטשע עס איז איין אנדר מאל אסור וויא מיר האבן גישריבן אין (סימן א׳ סוף סעיף ב׳) אצונד איז אבער מותר האטשע נאהנט צו דר צייט מחמת עס איז איין מצוה פוקד צו זיין דאס ווייב ווען ער גייט אין וועג אריין אונ תשמיש טאר ער ניט מוז ער האטשי מיט חיבוק ונשוק יוצא זיין ער איז אפילו יוצא מיט שיינע ווערטר. אבער אין דער

צייט אַפילו זי פילט ניט איז אָסור חיבוק ונשוק אַפילו ער ברוך אַוועק צו גיין אין וועג אַריין:

ב ווען ער דאַרף גיין אין וועג אַריין און דאָס ווייב איז דען מאָל טמאה. אוב עס איז נאָהענט צו דער צייט פון דער טבילה דהיינו איין טאָג דאַרף ער וואַרטען ביז זיא זאָל טבילה האָבען און זאָל מקיים זיין דיא מצוה עונה. ווען ער דאַרף אָבער צו גיין לדבר מצוה אָדער אַפילו ניט לדבר מצוה נאָר ער דאַרף אָבער זייער גייטיג און קען ניט וואַרטען מעג ער תיכף אַוועק גיין:

ג ווען איין אשה האָט גפונען אין די ריינע טעג איין פלעק און איז טמאה געוואָרן און אַז זי וועט אויף עס נאַיי ציילען ריינע טעג וועט אום קומען די טבילה נאָהענט צו איר געזעצטע צייט מוז זי האָבען איין שאלת חכם אוב זי זאָל זיך טובל זיין וואָרום עס איז דריגען חילוקי דינים:

ד ווען דער מאַן וויל גיין צו זיין ווייב איין טאָג נאָך איר געזעצטי צייט אָדער ביי אַזעלכע וואָס האָט ניט קיין געזעצטע צייט נאָך דעם דרייסיגסטען טאָג טאָר ער צו איר ניט גיין ביז ער פרעגט זי צי זי האָט זיך בודק געווען כדין ווי עס שטייט אויבען אין (סימן ג׳ סעיף א׳):

סימן ה

א איין אשה וואָס איז טמאה טאָר דער מאַן צו איר ניט גיין האָטשע ער איז זיך משער אַז זי האָט זיך טובל געווען ביז זיא זאָגט אים בפירוש אַז זי האָט זיך טובל געווען אָבער ער זאָל זיך ניט סומך זיין אויף זיין אומדן הדעת:

ב ווען דער מאַן ווייס אַז זינד זיא איז טמאה געוואָרען איז נאָך ניט אַזוי פיל טעג אַוועק גיגאַנגען אַז זיא זאָל קענען ציילען און טובלין זיך אַזוי איז זיא ניט באַגלייבט וואָס זי זאָגט אַז זי האָט זיך גיטובילת:

סימן ו

א ווען ער איז געווען ביי זיין ווייב ווען זיא איז טהור און זי זאָגט אים בשעת מעשה איך בין טמאה געוואָרען דהיינו זיא האָט אָן זיך גישפירט אַז עס גייט פון איר דם נדה זאָל ער זיך ניט תיכף אָפ שיידען פון איר באבר חי. ווען ער האָט זיך אָבער יוא פורש געווען באבר חי איז ער חייב כרת ר״ל:

ב ווי דען זאָל ער טאָן. ער זאָל די נעגעל פון די פיס איין שטעקען שטאַרק אויף דער זאַך וואָס ער ליגט דרויף. דהיינו ער זאָל זיך אָן לעגען אויף די הענד און אויף די פיס און ניט אויף איר און זאָל זיין גאָר שטיל גאָר אָן איין שום תנועה רק ווי איין אבן דומם עד שימות האבר דענסט מאָל

זאל ער זיך פורש זיין מיט ציטערניש אונ מיט גרוס פחד פון זיין גאנצען הארץ אויף די זאך וואס אים איז צו האנד גיקומען אז דאס איז געוויס ניט בחנם ווארום ווען ער וואלט גוט זיין וואלט השי"ת אים ניט צו געשיקט אזו איין עבירה · ע"כ זאל ער אונ זיא מפשפש במעשים זיין זאלן זיך גוט ברעכינען זייערע חטאים אונ זאלן גרוס תשובה טאן פאר השי"ת · דער עיקר איז ער זאל ווייטער נזהר זיין פון די מעשים רעים וואס ער האט ביז אהער געטאן וועט ער שון צו קיין מכשול ניט קומן אונ אויף דעם מכשול דארף ער ניט קיין תשובה ווען ער האט זיך נוהג געווען מיט איר כדין אונ האט אלץ געהאלטן ווי דר דין איז · איז ער אויף דער מעשה ניט שולדיג · נאר דאס איז אים געקומען מחמת ער מוז האבן איין עבירה ממקום אחר (ע"כ יפשפש במעשיו :

ג דס איז ווען ער איז ביי איר געוועז ווען זי איז גאר מותר צו אים גיוועזן בלא שום חשש איסור · ווען אבער ער האט מיט איר משמש געוועזן נאהנט צו דר צייט דעגסמט מאל ווען זי איז אסור ע"פ דין כמבואר בסימן א' אונ אים איז דאס צו האנדן געקומן איז איין חיוב גדול אונ דארף תשובה צו געמן אויף דר גוף המעשה בבן מוז ער זיין ביי איין מורה הוראה ער זאל אים מסדר זיין איין תשובה כפי עוונו וכפי האיש דהיינו נאך וויא דר מורה הוראה וועט פאר שטיין · אונ אזו וויא עס שטייט אין הייליגע ספרים ווען ער האט זיך בקושי אבר פורש געוועזן חאטשע ער האט ניט געוויסט אז מען טאר ניט מוז ער דאך מקבל תשובה זיין אונ זאל גם כן פון איין מורה הוראה תשובה נעמן :

סימן ז

א ווען עס טרעפט זיך איין אשה זעהט דם מחמת תשמיש דרייא מאל דורך אנדערע תיכף דר נאך · מוז זי האבן איין שאלת חכם וויא דיא הנהגה זאל זיין צי מעג זי זיין מיט דעם מאן דורך ספירה אונ טבילה צי ניין ווארום עס איז הרבה חילוקי דינים דרינען · דס געהער צו איין מורה הוראה · איך בין נאר מודיע אז מען מוז האבן איין שאלת חכם ווייטער אנדערע זאכן וואס געהער צו איין מורה הוראה בין איך ניט מעתיק :

ב מיט דעם קובע זיין איין געזעצטע צייט איז זייער פיל דינים אונ זייער שארפע אונ טיפע וואס מען קען נשים ניט צו פאר שטיין געבן · בכן איין אשה וואס זי האט קיין קלארי געזעצטי צייט זאל זיא מאכן איין שאלת חכם ווי זי זאל זיך נוהג זיין וועט דער חכם זיא שון אלעם אוס פרענן

און וועט איר מורה זיין דעם דר[illegible]ישר :
ג ווען זי גפינט איין פלעק דם ברוך זיא אלין א׳ שאלת חכם :

סימן ח

א ווען איין אשה דר פילט אז עס איז געפינט געווארן דר מקור אונ אזו איין שטייגר ווי זיא איז מוציא דם אונ זיא הט זיך תיכף בודק גוועזן אונ הט ניט גפונען איז זיא טמא וויא איין רעכטע נדה · אונ ווען זיא האט עפיס גפונען נאר זי איז מסופק אין דר מראה זאל זי מאכן איין שאלת חכם · אבר ווען זי גפינט גאר ניט איז זי טמא · אונ דס איז איין מצוה גדולה מודיע צו זיין איין אשה די אנדערע ווארום דס רוב ווייסן פון דעם ניט זיי מיינען אז זי גפינט ניט איז זי טהור אונ דר אמת איז זי איז טמא אונ זי טאר ניט משמש זיין מיט איר מאן ווי א נדה :

ב עס איז איין חיוב אוף דער אשה אזו באלד וויא זיא פילט עס ווערט געפינט דר מקור זאל זיא זיך תיכף ומיד בודק זיין :

סימן ט

א איין כלה מוז האבן שבעה נקיים פון דעם טאג אן ווען זיא ווערט גוואר קלאר ווען די חתונה וועט זיין חאטשי זי איז גאר ריין :

ב ווען מען הט דר נאך ווי זיא הט גציילט שבעה נקיים די חתונה אפ גלייגט אוף ב׳ או ג׳ ימים או ביותר · אדר ווען זיא הט גציילט שבעה נקיים הט זי ניט קלאר גוואוסט ווען די חתונה וועט זיין נאר זי איז מסופק גוועזן אונ הט מספק גציילט דהיינו ווי בזמננו דער רשיון איז נאך ניט ארום גקומן · דס דארף אלס איין שאלת חכם האבן · אוב זיא דארף ניט איבר אנאייס ציילן שבעה נקיים ווארום עס איז פיל חילוקי דינים דרינען · אונ עס איז איין מצוה רבה מודיע צו זיין דעם דין ווארום דער המון ווייסט גאר ניט אז דס דארף איין שאלה זיי מיינען אז זיא האט גציילט שבעה נקיים איז גנוג · ווען איין כלה זאל זיך טובל זיין אוב זי מעג זיך טובל זיין בייא טאג קודם החפה וועט גשריבן שטיין אין הלכות טבילה סימן ג׳ :

ג ווען איינער נעמט צוריק זיין גרושה מוז זיא אוך האבן שבעה נקיים אזו וויא איין אנדערע כלה :

סימן י

א ווען איינער נעמט איין בתולה מוז ער זיך תיכף נאך דער ערשטער ביאה אפ שיידן אונ אוועק גיין · אונ דאס איז אוך איין מצוה רבה

מודיע צו זיין להחתן והכלה ווארום עס איז פאר האנדן אמייל וואס ווייסן דאס ניט און וועלן צווייי מאל בועל ר"ל דם ב׳. איין איסור גמור און דאס איז מוטל אויף פאטער און מוטער און אונטער פירערס אז זייא זאלן דאס מודיע זיין להחתן והכלה:

ב זיא זאל אן הייבן צו ציילן שבעה נקיים פון פינפטן טאג ווען דער חתן איז ביי איר געוועזן תשמיש איין אנדערע גיהער אן צו הייבן שפעטער אזו וויא עס וועט שטיין שפעטער אבער ווייל זיא איז נאר טמא פון דם בתולים זאל זיא אן הייבן אין פינפטען טאג:

ג ווען זי איז אום ריין פון דם בתולים איז דיא הנהגה ווי אנדערע נדות:

סימן יא

א ווען איין אשה איז שון געזעסן אויף דעם בראך שטול אזו וויא צו האבן דם קינד דר נאך האבן די וויען אויף געהערט און זיא איז ווייטער מעוברת און קיין דם האט זיא אויך ניט געזעהן מוז זיא דאך איין שאלת חכם האבן אוב זי איז מותר צו איר מאן:

ב וועגן די נשים יולדות איז גאר קיין השגחה ווען זיא זאל זיך מטהר זיין איטליכע אשה טוט ווי זי וויל דורך דעם קומט ארוס גרויסע מכשולות. לכן געהער איטליכם בית דין אין שטאט צו מאכן איין מנהג קבוע כפי הצורך כדי לגדור פרץ:

ג ווען איין אשה האט ח"ו מפיל געוועזן זאל זיא טאן אלעס זאכן ע"פ חכם יע"פ מורה הוראה:

סימן יב

א איטליכער יהודי איז מחויב זיך אפ צו שיידן פון זיין ווייב ווען זיא איז טמא ביז זי זאל אפ ציילן שבעה נקיים און זיך טובל זיין און ווען זי האט זיך ניט טובל געוועזן אפילו עס דויערט כמה שנים הייסט זיא אלץ איין נדה:

ב זי טאר זיך ניט איבער זאמן אין דער טומאה נאר וויא באלד זיא קען זיך טובל זיין מוז זי טבילה האבן. און ווען דר מאן איז אין דער היים און זיא איז זיך ניט באלד טובל ווען די ריכטיגע צייט קומט. האט זי איין גאנץ גרויסע עבירה:

ג ער זאל ניט שטיפן און לאכן און קאטאוויס טרייבן מיט זיין ווייב אין דר נדה און זאל ניט שפרעכן מיט איר קיין קלות ראש און קיין ליצנות:

ד ער זאל ניט אן ריהרן זי אפילו מיט דעם קלענסטן פינגער. און ער זאל ניט דר לאנגן צו איר אפילו מיט איין גאנץ לאנגע זאך. און ער זאל

ניט אריין ווארפן אין איר האנד אריין. קיין עס זאך אונ ניט אין איר
שוס אונ זי צו אים רעדט גלייכן ניט:

ה זיי זאלן ניט עסן אויס איין שיסל אונ ווען זיי זענען זיך נוהג אז זיא
עסן ניט אוס איין שיסל אפילו ווען זיא איז טהור נמצא איז דאס. קיין
הכר ניט דא טאר זיא מיט אים ניט עסן ביי איין טיש גיוערט דורך איין
הכר. נאר על פי רוב עסן מאן אונ ווייב אוס איין שיסל ווען זיא איז טהור
ע״כ ... נוהג ווען זיא איז מטמא דר הכר ניט אוס איין שיסל צו עסן:

ו ער זאל ניט עסן אונ טרינקן וואס זיא לאזט איבער אבר ווען איין
אנדערער האט גגעסן אדער גיטרונקן נאך איר מעג ער נאך דעם
אנדערין שון עסן אדער טרינקען:

ז ווען זי הט גיטרונקן פון אפולע גלאז אונ הט איבר גלאזט בערך איין
האלב גלאז אונ דר נאך הט מען דס גלאז פול דר גאסן טאר ער אויך
ניט טרינקען דר פון. ... זיא האט אבער אין גאנצן אוס גיטרונקען מעג
ער אוס דעם גלאז טרינקן אונ מען ... דאס גלאז ניט אוס שווענקען.
ווער עס וויל אבר מדקדק זיין אונ ... אוס שווענקען זאל קומען אויף
אים אברכה:

ח ווען זי האט איבר גלאזט פון איר טרינקן אדר עסין אין דער כלי אונ
מען הט דאס איבר ניגאסן אין איין אנדער כלי מעג שוין דער מאן
עסין פון דער אנדערער כלי:

ט אז זי הט אים גלאזט עסין אדר טרינקען אונ דער מאן ווייס ניט אז
דאס האט זיא איבער גלאזט אונ וויל עסין אדר טרינקען דער פון
דארף מען אים ניט זאגן. מחמת דעם איסור פון עסין אדער טרינקען
וואס זיא לאזט איבער איז נאר מחמת ווען איינער טרינקט אדער עסט
דאס וואס דער אנדערער לאזט איבר קומט דער פון ליבשאפט ארויס
איבר דעם איז ניט אסור אז ער ווייס ניט אז דאס האט זיא איבר גלאזט:

י איבר דעם אז דער מאן איז ניט דא אין דער היים מעג זי פריער עסין
פון דר שיסיל אונ אים איבר לאזין נאר זיא זאל אים ניט אוס זאגן אז
זי האט דער פון גיגעסן. דאס איז אבר נאר ביי דער זאך. אבר ביי
אנדערע זאכן וואס דר מאן איז נזהר תאמטשע איטליכער איז ניט נזהר
דהיינו ער עסט ניט פון קיין שאלה ער עסט נאר גלאט פלייש. אדער
ער עסט אום פסח נאר מצה שמורה. אונ פון נייע כלים. אדער דעסט
גלייכען אזעלכע זאכן וואס דער מאן איז נזהר. טאר אים זיין ווייב ניט
געבן די זאך תאמטשע ער ווייס ניט אונ זי זאל אוך אים ניט אן ריידן דס
איז

איז דאך כשר אלע יודן עסין דאס מעג ער אויך עסין זיא וועט נאך אריין לייגן פרומקייט דריגען זי איז אים גיטריא כדי ער זאל האבן וואס צו עסן איז שוין מודיע די ווייבער אז דאס איז ניט קיין גיטריישאפט אדרבא דם איז איין גרוסר איסור גלייך זיא גיט אים חזיר צו עסן מחמת וואס איין מענש איז אויף זיך מקבל אונ איז נזהר איז ביי אים וויא איין נדר אונ איין נדר איז אסור ווי נבילות אויף אים. די ווייבר וואס זענען מכשיל די מאנען מיט אזעלכע זאכן וואס די מאנען זענען נזהר אונ דיא ווייבער היטן זיי ניט אפ האבן זיי איין גרוסע עבירה אונ וועלן פאר פאלן ווערן אין גיהנם זיי פר זינדיגן זיך די יאר אונ טאג אונ פאר זינדיגען דיא קינדר. אונזערע הייליגע חכמים האבן גישריבן די איז נאר איין ערליכע אשה וואס טוט דעם רצון פון איר מאן, דאס וואס נאר דער מאן וויל אזו זאל דאס ווייב טאן דיא הייסט איין אשה כשרה די וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער אונ צו עולם הבא אונ צו אלעם גוטן:

יא דם ווייב מעג עסן אונ טרינקען פון דעם וואס ער לאזט איבר:

יב ער טאר ניט זיצן אויף איר בעט חאטשע ניט פר אירע אוגן. אבער דער ב"ח איז מתיר צו זיצן. אבער זיך אום טאן אונ לייגען טאר מען גווים ניט נאך אלע דעות. דער רעכט איז מען זאל נזהר זיין אפילו זיצן וויא די ערשטע דעה:

יג זיא מעג יוא זיצן אויף זיין בעט ניט פר זיינע אוגן אבר לייגען טאר זי זיך ניט אפילו אין אלע קליידער ניט ביי נאכט אונ ניט בייא טאג:

יד וועז ער רירט אן איר בעטגוואנט אדר איר ליילעך איז קיין איסור חאטשי דאס ליילעך איז איין גריכט מיט דם. טייל מענשן זענען נזהר אין דעם איז אבר איין גרייז עס קומט פון דער הומרא איין קולא ארום מחמת ער מיינט דר איסור איז נאר ווייל דם ליילעך איז איין גריכט מיט דם נדה אבר אז זיא ציילט שון ריינע טעג אונ ליגט שון אויף איין ווייס ליילעך מיינט ער אז ער מעג שון אן רירן אונ אויך זיצן אונ ליגן אונ דר אמת איז עס איז נאר קיין חילוק עס איז גלייך די אום ריינע טעג מיט די טעג ווס זי ציילט ריינע ווס עס איז אסור איז גלייך אסור אונ אן רירן דאס בעטגוואנט מעג ער תמיד אפילו דאס איז איין גריכט:

טו זיי טארן ניט זיצן אויף איין באנק אפילו די באנק איז גאנץ לאנג סיידן די באנק איז אן גישלאגן אונ שאקילט זיך ניט. אבר אז זיא שאקילט זיך טאר מען ניט אונ אז איין מענטש זיצט צווישן זיי ביידע זענן אטייל

פוסקים מתיר חאמישע ריא באנק שאקולט זיך מען גהער אבער אוך נזהר צו זיין אפילו איינער זיצט צווישען זייא :

טז זיי טאהרן ניט פאהרן אין איין וואגען שפאציירן אדר אין איין שיפער שיפן נאר אז זייא דארפען צו פאהרן אין איין עסק מעגען זיי פאהרן אוף איין וואגן חאמישע עס פארט אוף דעם וואגן ניט מעהר אז זיי ביידע. נאר זייא זאלען אכטונג געבען אז זייא זאלען זיך ניט אן רירן :

יז זיין בעט מיט איהר בעט טאר זיך ניט אן רירן :

יח ער טאר ניט קוקען אפילו אוף איהר טריט פון די פיס און ניט אוף קיין שום ארט פון איהר ליב וויא דער סדר איז אז זיא גייט צו גדעקט מיט איהרע קליידער :

יט עס איז זייער רעכט אז זיא זאל האבען אנדערע קליידער וואס זיא זאל גיין אין זיי ווען זיא איז איין נדה. כדי זיא זאל תמיד גדענקען אז זיא איז אנדה. דאך זאל זיא ניט גיין אין מיאוסע קליידער. כדי זיא זאל ניט מיאוס ווערען אוף איהר מאן. אבער שטארק פוצין טאר זיא זיך געוויס ניט :

כ זי זאל איהם ניט אן גיסען דעם כוס צו טרינקען אז ער זעהט סיידען זי זאל מאכען איין היכר דהיינו אנידער צו שטעלען אוף דעם טיש מיט דער לינקע האנט אדער צו שטעלען אוף איין אנדער ארט ניט אופין טיש :

כא אז זי טראגט עסן צום טיש אדער זיא דער לאנגט דעם מאן עפעס זאל זי משנה זיין ווי תמיד דהיינו זי זאל דר לאנגען מיט דער לינקער האנד :

כב זיא טאר ניט לייגען דאס לייליך אוף זיין בעט צום שלאפען אדר דעם איבערבעט אז ער זעהט ווען ער זעהט ניט מעג זיא יוא בעטין חאמישע ער וויסט אז זיא האט גבעט :

כג ער טאר איהר אוך ניט אן גיסען איין כוס צו טרינקען און איהר ניט שיקען קיין כוס אפילו דעם כוס של ברכה סיידען אנדערע טרינקען פריער מעג ער איהר דער נאך שיקען :

כד זיא טאר ניט שטעלען פר אים וואסער צו וואשען :

כה די אלע דינים וואס אין דעם סימן איז געשטאנען ווס זיי זאלען נזהר זיין איז נוהג פון דער צייט וואס זיא איז טמא געווארן ביז זיא איז זיך טובל. עס איז קיין חילוק ניט צווישן אום ריינע טעג און צווישען ריינע טעג :

כו ווען ער אדער זיא זענן חלילה קראנק איינער דארף דעם אנדערן צו באדינען זאלען זיי פרעגין איין תלמיד חכם ווי זיי זאלען זיך נוהג זיין :

סימן יג

א אטייל פוסקים שרייבען אז איין אשה נדה די טעג ווס זיא זעהט טאר זי ניט

ניט אין שול גיין און ניט דאווענען און ניט קיין שום שם צו גדענקען. און ניט אן רירן קיין ספר און בענשן נאך דעם עסן זאל זיא הערן פון איין אנדערן ער זאל מכוון זיין זיא מוציא צו זיין נאר זיא זאל הערין ווארט באווארט פון אים און אז עס איז ניט דא קיין אנדערער זאל זי אליין בענשן דעסט גלייבן מיט קידוש מאכן. און אטייל פוסקים שרייבן אז איין נדה מעג יוא אין שול גיין און מעג דאווענען און אלע ברכות מאכן דעם שם צו גדענקען. דער מנהג איז אבער זיי גייען ניט אין שול אריין גם ווען עס איז בייא איר דא מנין זאל זיא ניט קוקין אויף דער ספר תורה ווען מען הייבט אויף דעם ספר און מען ווייזט דעם עולם דעם כתב:

ב אין די ריינע טעג מעג זיא גיין אין שול:

ג ימים נוראים און סליחות טעג און ימים טובים ווען איטליכער גייט אין שול מעג זי אויך גיין דעסט גלייבן ווען זיא מאכט חתונה אדר זי שטייט אויף פון דעם קינדבעט מעג זיא אויך גיין אין שול אריין:

סימן יד

א דעם טאג וואס זיא הייבט אן צו ציילן ריינע טעג מוז זיא זיך איין טאג פריער בודק זיין פר נאכט צווישן טאג און נאכט און אז זיא געפינד שון גאר ניט זאל זיא מארגען פריא אן הייבן די ריינע טעג צו ציילן:

ב דיא ריינע טעג הייבן זיך ניט אן פר דעם זעקסטן טאג פון איר טמא ווערן אפילו ווען זיא איז טמא געווארן האט זיא באלד אויף געהערט צו זעהן און זעהט שון מער ניט מוז זיא דאך ווארטן פינף טעג און זאל זיך פר נאכט בודק זיין. און מארגן פריא דאס הייסט דעם זעקסטן טאג הייבט זיך ערשט אן דער ערשטער טאג פון די זיבן ריינע טעג:

ג אטייל זענען זיך נוהג און הייבן ערשט אן צו ציילן פון אכטן טאג דהיינו זיא טוט זיך אפ ציהען דעם זיבעטן טאג און מארגן הייבט זיא ערשט אן צו ציילן דס איז אבער ניט קיין גוטער מנהג מען גהער זיך מקרים צו זיין צו איין דבר מצוה דערום איז איין גרוסע מצוה אז ווען זיא האט זיך בודק געווען דעם פינפטן טאג און זיא קען שון דעם זעקסטן טאג ציילן זאל זי תם ושלום מער נישט אויף האלטן. און דעם צוועלפטן טאג אין וואסר גיין. און בזכות דעם וועט זיא גוטע קינדער האבן:

ד איין כלה וואס נאך דער חופה הט נדה געזעהן און מען הט זי נאך ניט לייגן גפירט זאל זי פרעגן איין שאלה ווען זיא זאל אן הייבן צו ציילעי זיבן ריינע טעג:

ה רעסט גליבן איין כלה וואס בארף חתונה צו האבן זאל זי אויך פרעגן
איין שאלה ווען זיא זאל אן הייבן צו ציילן זיבן ריינע טעג:

ו אפילו ווען זי הט ניט גזעהן נאר איין פלעק הייסט איין כתם אונ זיא איז
טמא גווארן הייבן זיך ערשט אן די זיבן ריינע טעג נאך דעם פינפטן
טאג פון טמא ווערן ווי אלע ווייבר:

ז דם איז אבר נאר אז זיא האט גזעהן דם נדה אדר איין כתם דאמאלס
ווען זיא איז טהור גוועןי ווען זי הט אבר גפונן איין פלעק אפילו דם נדה
אין די טעג וואס זי ציילט ריינע טעג ברויך זיא ניט ווארטן פינעף טעג נאר
תיכף אז זי ווערט ריין קאן זי מארגן פריא אן הייבן זיבן ריינע טעג צו ציילן:

ח ווען זיא האט זיך טובל גוועזן אונ דער מאן איז ביי איר ניט גוועזן איין
ליל טבילה אונ מארגן פריא געפינד זי איין פלעק אדר איין אשה וואס איז
גאר טהור אונ דר מאן איז בייא איר ניט גוועזן אין דר נאכט אונ מארגן
פריא געפינד זיא איין פלעק זאל זיא פרעגן איין שאלה:

ט דאס פוסק בטהרה זיין הייסט וואס די ווייבער רופען אן אפ ציהן מוז
זיין פאר נאכט בין השמשות פר מעריב דאווענען ווען מען האט אבער
שון גדאווענט מעריב חאטשי זי האט נאך ניט גדאווענט אדר ווען מען הט
שון מקבל שבת גוועזן אונ עס איז נאך טאג זאל זיא פרעגן איין שאלה ווי
זי זאל זיך נוהג זיין מחמת עס איז דריבן פיל חילוקים מוז זי פרעגן איין
מורה הוראה אונ ווען עס ווערט שפעט עס איז קיין צייט צו שיקן פרעגן
זאל זי זיך פריער אפ ציהן דר נאך שיקן פרעגן ווען עס שפעט איז חאטשי
קהל הט ניט גדאווענט קיין מעריב זאל זיא אויך מאכן איין שאלה:

סימן טו

א דעם טאג וואס זיא מאכט דעם אפ צוג זאל זיא אן טאן נאך דר בדיקה
איין ווייס העמד וואס זי ווייס אז דאס העמד הט ניט קיין שום פלעק אונ
אויף איר בעט זאל אויך זיין דס לייליך אונ די ציכן אן איין שום פלעק אונ
אין דר פריא הייבן זיך אן די זיבן ריינע טעג:

ב עס איז איין מנהג כשר וישר אז איטליכע אשה וואס מאכט דעם אפ צוג
זאל זיך אפ וואשן אונ זאל אן טאן אוייס העמד אונ אנדערע קליידער
נאר בשעת הדחק אז זי הט ניט קיין אנדערע קליידער אונ זי קען זיך ניט
אפ וואשן איז גנוג זי זאל זיך נאר ארום שווענקן אונ זאל אן טאן איין
העמד עס זאל זיין ריין פון דם:

סימן טז

א אלע טאג פון די זיבן ריינע טעג מוז זיא זיך בודק זיין צוויא מאל׳ אין דר פריא איין מאל אונ איין מאל פר נאכט :

ב די בדיקה זאל זיין ביי די ליכט פון דעם טאג נישט ביי קיין בעליכטן פון איין ליכט :

ג די אלע בדיקות מוז זיין אדר מיט איין ווייס טיכל פון אלטע ליינעוואנד אדר מיט ווייסע וואל ריינע ווייכע אדר מיט ווייסען בוים וואל׳ די בדיקה מוז זיין אגאנץ גוטע הבדיקה אין אלע זייטען אונ ווערכע זיא איז זיך נית בודק אזו נאר אביסל איז דאס גאר ניט קיין בדיקה :

ד ווען זי קאן זיך ניט אזו גוט בודק זיין וויא דיא בדיקה דארף צו זיין איז בדיעבד גנוג תאמשי איין מאל פון זיבן ריינע טעג אז זי האט זיך בודק געווען בדינו גאנץ גוט עס איז אוודאי בעסער אז זי קען דעם ערשטן טאג די גוטע בדיקה מאכן נאר בדיעבד איז גנוג אין אנדרן טאג פון די זיבן ריינע טעג. די וואס האט זיך אבער אפילו איין מאל נישט בודק געווען כדין גאנץ גוט נאר זיא איז זיך אביסעל מקנה ניט וויא דער דין איז דאס הייסט נאר קיין בדיקה אונ אירע זיבן ריינע טעג זענען נישט גרעכינט אונ איך טבילה העלפט נישט זיא הייסט תמיד איין רעכטע נדה :

ה די זיבן ריינע טעג מוז זיין דורך אנגעדר זיא זאל אין זיי גאר נישט געפינען קיין שום פלעק אז זי האט אבער יוא געפונען איין פלעק מוז זי אויף עס נייא בדיקה האבן ווי אובן איז געשטאנען אונ אויף עס נייא זיבן ריינע טעג ציילן :

סימן יז

א אוב דער מאן איז אין דער היים איז איין מצוה זי זאל זיך טובל זיין אין דער צייט ווען עס קומט איר אום :

ב זי מעג זיך טובלען פרייטאג צו נאכט אוב זי האט זיך נית געקענט פריער טובל זיין אונ דווקא אז דער מאן איז אין שטאט אבער אז דער מאן איז נישט אין שטאט טאר זיא זיך נישט טובל זיין פרייטאג צו נאכטן דעסט גלייכן ווען זי האט ניט געקאנט טובל זיין פריער טאר זיא זיך נישט טובל זיין פרייטאג צו נאכט :

ג ווען זיא האט זיך געקענט טובלען פריער נאר דער מאן איז נישט געווען ער איז הערשט פרייטאג געקומען צו פארן איז דער דין אזו וויא עס איז איין מנהג מעג זיא זיך טובל זיין :

ד ווען זי האט זיך געטובלה פריער דאנערשטיג אויף דר נאכט וואס קער צו פרייטיג

דר

דער נאך איז זיא גוואר גווארן אז די טבילה איז ניט גוט דהיינו זי האט גפונען
איין חציצה אדר וואס פר איין ספק עס מאכט זיך איר אז זי האט זיך ניט גוט
גטובלת מעג זי זיך שון פרייטאג צו נאכטין איין מאל טובל זיין ווייל דס איז נאר
איין מקרה אונ זיא האט נישט געקאנט פריער טובל זיין איז זי נישט שולדיג :

ה רעכטס גלייכן ווען זי האט זיך טובל געווען פרייטאג צו נאכטין אונ זי האט
גפונען איין חציצה עפס אונטער דעם נאגיל זאל זי זיך טובל זיין איבער
נייעס אדר ווען זי איז געגאנגען פון דער טבילה האט זיא באגעגנט איין כלב
אדר איין חזיר אונ זי איז זיך נוהג נאך אזו איין באגעגניש נאך איין מאל
צו טובלן מעג זי זיך טובל זיין נאך איין מאל אפילו פרייטאג צו נאכטין :

ו ווען זי האט זיך טובל געווען פרייטאג צו נאכטין אונ דער נאך האט זי דער
זעהן איין נאגיל וואס זי האט פאר געסן אפ צו שניידן זאל זי פרעגן איין
מורה הוראה ווי זיא זאל זיך נוהג זיין :

ז מוצאי שבת האט דעם דין ווי פרייטיג צו נאכטין זי זאל זיך נישט טובל
זיין מוצאי שבת נאר ווען זי האט פריער ניט געקענט :

ח יום טוב האט דעם דין פון שבת קענן אלע זאכן וואס דא איז געשטאנען :

ט ווען איינער געטס איין אלמנה אונ דיא ערשטע טבילה קומט אום
פרייטיג צו נאכטין זאל זי פרעגן איין שאלה :

י קיין אשה טאר זיך נישט טובל זיין בייא טאג נאר ביי נאכט ווען
שטערין שטייען :

יא ווען זי האט עובר געווען אונ האט זיך גטובלת ביי טאג איז דער דין אזו
אז דס איז דער זיבעטער טאג פון די זיבן ריינע טעג העלפט גאר נישט
די טבילה וואס זיא האט זיך גטובלת פאר שטערן שטיין מוז זיא זיך איבר
אנייעס טובל זיין נאך שטערן שטיין אונ ווען עס איז שוין איין טאג נאך
די ריינע טעג דס הייסט איין איבר גגאנגענע טבילה העלפט דיא טבילה
וואס זיא האט זיך טובל געווען דעם אכטן טאג ביי טאג נאר זי איז דאך אסור
צום מאן ביז נאכט אבר לכתחילה גהער קיין שום אשה קיין איבער
גגאנגענע טבילה אוך נישט טובל זיין ביי טאג אונ די וואס מאכט איבער
גגאנגענע טבילה ביי טאג הייסט איין פריצה :

יב ווען זי האט עובר געווען אונ האט זיך גיטובלת ביי טאג פון דעם זיבנטן
טאג האבן מיר גשריבן אז זי מוז זיך איבר אנייעס טובל זיין ביי נאכט
איז דר דין אפילו ווען דס איז אום פרייטיג מעג זי זיך פרייטיג צו נאכטין
נאך איין מאל טובל זיין :

ג ווען זי איז איין שטארקער אונס זי קען זיך נישט טובל זיין ביי נאכט

איז דער דין אזו דעם זיבענטן טאג העלפט קיין שום אונס ניט נאר איין איבר גיאנגנע טבילה דם הייסט דעם אכטן טאג אונ עס איז איין אונס זיא העון זיך ביי נאכט נישט טובל זיין זאל זיא פרעגן איין שאלה אונ אז דער מורה הוראה וועט פר שטיין אז עס איז איין אונס וועט ער איר בוודאי מתיר זיין אבר זיא אליין טאר זיך נישט מתיר זיין:

יד די כלה וואס טובילת זיך קודם החופה ווען עס איז דר זיבענטער טאג פון די ריינע טעג טאר זיא זיך נישט טובל זיין נאר ביי נאכט אבר ווען עס איז דער אכטער טאג פון די נקיים טעג זי זיך אוך ביי טאג טובל זיין עס איז איין מצוה דעם דין צו מאכן מפורסם צו די ווייבר וויל זיי מיינען אז איין כלה טעג זיך טובלן ביי טאג תמיד אפילו דעם זיבענטן טאג חס ושלום דעם זיבענטן טאג עס מייא איין אנדרע אשה אבר איין כלה טאר זי זיך נישט טובל זיין ביי טאג נאר דעם אכטן טאג איז איין חילוק טאר איין אנדרע אשה ניט לכתחילה אונ איין כלה מעג יוא אונ אפילו איין כלה אז זי טובלת זיך הערשט נאך דער חופה אפילו די ערשטע טבילה טאר זי זיך שון נישט טובל זיין בייא טאג לכתחילה אפילו דעם אכטן טאג:

סימן יח

א זי מוז זיך טובל זיין דעם גאנצן גוף מיט איין מאל ניט בישלך וויים דהיינו זיא זאל ניט טובל זיין פריער איין האנד אונ דר גאך די אנדרע אונ דערנאך גלייכן זי מוז מיט איין מאל דעם גאנצן גוף מיט דעם קאפ אין וואסר אריין טאן:

ב עס טאר ניט זיין קיין האר פר קניפט ווארום אז עס איז איין האר פר קניפט איז די טבילה ניט קיין טבילה:

ג די האר וואס זענן ביי איר אויף די שווייסיגע ערטר אונ זענן צו זאמן גקלעבט איז די טבילה ניט ווערט:

ד איין אשה וואס דהט האלטינעם אונ זי פארכט זיך די קאלטינעם אראפ צו נעמן איז ניט קיין ניצוי:

ה דם אום פלאט פון דיא אויגען אז דאס איז אויף דעם אוג פון דרויסן דארער אום פלאט אדר פייכטר איז איין חציצה דם אום פלאט וואס איז אבר אין אוג אינעווייניג ווען עס איז פייכט אונ וויך איז ניט חוצץ אונ אז עס איז דאר איז יוא חוצץ אבר אז עס הט אן גהויבן צו ווערן געלבלך אדר גריגליך אדער בלאלך איז חוצץ:

ו דס דארע בלוט וואס איז אויף איין מכה איז חוצץ אבער די פייכטע אין
דר מכה איז קיין חציצה :

ז ווען די ליחה איז ארויס פון דער מכה אויף דעם פלייש ארויס ביז דרייא
טאג הייסט דס קיין חציצה נאך דריי טאג איז דס יוא איין חציצה ווארום
עס איז שון דאר :

ח די פייכטקייט פון דר נאז אז עס איז ארויס אויף דעם פנים אונ עס איז
דאר איז עס חוצץ ע״כ זאל זי נזהר זיין ארויס צו וואשן דעם נאז . אונ
אין דער נאז איז אבער ניט חוצץ · מען גיהער אבער נזהר זיין אין נאז
אוך ריין צו מאכן :

ט ווען זיא האט זיך אדר גלאזט די ערשטע דריי טעג פון אדר לאזין איז
עס ניט חוצץ אונ נאך דריי טעג איז עס חוצץ כל זמן עס איז פאר
גליווערט ביז עס היילט זיך רעכט אום :

י איין אשה וואס איז קרעציג מוז זיא ווייכן די קרעץ אין ווארעם וואסער
ביז זיי ווערן צו ווייכט אונ ווייך. דארע קרעץ מוז זיא אראפ נעמן אז זי
נעמט ניט אראפ די דארע קרעץ איז דיא טבילה קיין טבילה. אונזערע
הייליגע ספרים ברענגן אז פיל צדיקים אונ גדולים האבן אפילו ניט גיגלויבט
זייערע ווייבער אוב זייא האבן אלע דארע קרעץ אראפ גנומן. ע״כ איז
מען דיא ווייבר זייער מזהיר אויף דעם :

יא איין פלאסטער אויף איין מכה איז חוצץ :

יב ווען זיא האט איין שטיקל האלץ אריין גברענגט אין איר פלייש אריין
אדער איין שטיקל גלאז אדער איין אנדער זאך ווען עס שטעקט
ארויס פון דעם פלייש אדר אפילו עס שטארט ניט ארויס נאר מען
זעהט עס ארויס גלייך מיט דעם פלייש איז חוצץ מוז זי דס פר דער טבילה
ארויס נעמן ווען עס איז אבער מיט הויט אין גאנצן פר דעקט איז ניט חוצץ :

יג וואס איז אויף דעם לייב איין גרעכט פון שווייס איז ניט חוצץ אונ אז
עס איז פר טריקנט אונ קענטיג איז חוצץ :

יד ווען זיא האט גריבן איין האנד דער אנדערע אדר אן דעם לייב
קומט ארויס ווי שטיקלעך טייג אז דאס בלייבט אויף דעם לייב אדער
עס פאלט אויף דעם לייב איז דאס חוצץ :

טו טינט אונ ליים אונ בלוט ווען עס איז גוט אן גקלעפט אן איר פלייש
איז עס חוצץ האטשע עס איז פייכט · פארב איז חוצץ :

טז אום ריינקייט אונטר דעם נאגיל איז חוצץ :

יז די נעגיל ווען חוצץ אז זיא האט זיך גטובילת אונ האט פר געסן אפילו

איין נאגיל אפ צו שניידן מוז זיא אפ שניידן אונ נאך דעם איבר עס זייא זיך טובל זיין אבר אז זיא איז שון גוועזן מיט איר מאן אונ אויף מארגן האט זי זיך ארום גזעהן אז זי האט פר געסן איין נאגל ארום צו שניידן זאל זיא פרעגן איין שאלה אוב זיא דארף איבר אנאייס טבילה גיין :

יח ווען זיא האט פאר געסן איין נאגל אפ צו שניידן אונ עס איז שבת אדר יום טוב זאל זיא פרעגן איין שאלה ווס צו טאן . אום חול המועד זאל זיא זעהן דורך איין נכרית אפ צו שניידן ווען זיא קריגט ניט אזו באלד קיין נכרית מעג זי זיך אליין אפ שניידן נאר זיא גהער משנה צו זיין מיט דעם אפ שניידן וויא אנאנדער מאל :

יט ווען זי הט איין בלאז אויף דעם נאגל אז זי קען ניט אפ שניידן אונ קען ניט דם אום ריינקייט ארום נעמן זאל זיא פרעגן איין שאלה :

כ זי מוז זיך אום מאכן גוט די ציין ווארום אז זיא הט זיך טובל גוועזן אונ הט דר נאך גפונען עפס קלעבן אין די ציין איז די טבילה קיין טבילה :

כא דעם טאג וואס זיא דארף ביי נאכט טבילה האבן זאל זיא ניט עסן קיין פלייש אגאנצן טאג :

כב ווען דיא טבילה קומט אום שבת צו נאכט אדר יום טוב מעג זיא עסן פלייש נאר זי זאל זיך גוט אום מאכן די ציין :

כג ווען זיא הט ניט גוט גשווענקט אירע פר בארגינע ערטר אונ וואז זיא האט קנייטשן דער נאך האט זיא גפונען איין זאך וואס איז חוצץ העלפט די טבילה נישט :

כד ווען זיא האט עפס גנומן אין מונד אריין אפילו נאר אהאר אהער זיא הט בשעת טבילה גוט צו גהאלטן די ליפן אדר זי האט צו גהאלטען די הענד ווס קיין וואסער קען ניט אריין העלפט די טבילה נישט :

כה בשעת טבילה זאל זיא קיינר ניט צו האלטן . ווען עס איז קיין ברירה אז מען מוז זי צו האלטן זאלן די ווייבר פריער די הענד איין טונקען אין מקוה אונ מיט נאסע הענד זי צו האלטן :

כו עס טאר ניט זיין אונטן אין מקוה קיין דיק ליים ווארום ווען זי שטייט דרויף העלפט די טבילה ניט :

כז ווען עס קומט שפיקלעך בלאטע אדר שפענדלעך צווישן דיא פינגער פון די פיס העלפט ניט די טבילה :

כח זי זאל זיך ניט טובל זיין אויף איין ארט וואו מענשן קומן מחמת זיא וועט זיך איילן צו טובלן מען זאל זיא ניט זעהן וועט זיא ניט מדקדק זיין גוט זיך צו טובלן :

כט זי זאל זיך ניט טובל זיין גלייך אז זי האט גישמירט אדער גלייך ארויס גיגעסן
פארום עס איז דא עטליכע וואס ווערן פר בארגן אז זי טוט אזו :

ל זי זאל זיך ניט נעמען איין בייגן ביז עס זאל פאר בארגען ווערן אלע פאר בארגינע ערטער זיא זאל זיך נאר אביסיל בייגען אזו ווי זיא ווערגערט טייג כדי דאס וואסר זאל קומען אין אלע ערטער אונ אונטער דיא ארעם אונ אונטער די בריסט :

לא די הענד אונ די פים זאל זיא האלטען אין וואסר גלייך ווי זיא גייט אויף דער גאס ווען זיא האט גוט צו גידריקט די הענד אונ די פים אז דאס וואסער קען ניט אריין קומן העלפט ניט די טבילה :

לב אויב ווייניגסטען גיהער דאס וואסער פון דער מקוה גרייכען איין פינגער העכער פון דעם גאפיל :

לג זיא זאל ניט שטארק צו האלטען די אויגן אונ ניט די ליפן אונ אויך ניט איבעריג צו עפענען ווען זיא האלט שטארק צו אדער שטארק אפען העלפט ניט די טבילה :

לד זי זאל ניט מאכן די טבילה איילענדיג נאר מיט ישוב הדעת זיא זאל אין זין האבן אלעס וואס זי דארף צו טאן ווי דער דין איז אונ זיא זאל מאכן די ברכה מיט שמחה זיא זאל זיך ניט שרעקן ובפרט בזכות דער גרויסער מצוה וועט צו איר קיין שלעכץ ניט קומען זיא וועט ניצול ווערן פון אלעם בייזן ווען זי טוט מיט ישוב הדעת אונ איז מדקדק צו טאן ווי דער דין איז וואול צו איר וואול צו איר נשמה אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט זי וועט בוודאי מגדל זיין תלמידי חכמים. ווען זי איז אבער ניט נזהר אין דעם אלעם ווי צו איר ווי צו איר נשמה זי וואונט מיט איר מאן אין דר נדה אונ איר נשמה וועט גישלידערט ווערן בתוך כף הקלע דעם גוף וועלן מלאכי חבלה צו רייסן. על כן זאלן די ערליכע ווייבר למען השם נזהר זיין אונ זיא זאל רחמנות האבן איבר זיך אונ איבר איר נשמה וועט איר גווים גוט זיין :

לה עס מוז שטיין איין יהודית ווי זי איז זיך טובל כדי זי זאל זעהן אז דיא טבילה זאל גוט זיין עס זאל ניט עפיס ארויס שטעקן פון דעם וואסער ובפרט קיין האר זאל ניט ארויס שטעקן :

לו אוב עס איז עטוואס איין ספק אוב עס האט עטוואס האר אריין גשווימן פון אויבן אויף דעם וואסר מוז זיא זיך איבר עס נאך טובל זיין :

לז זי געהער זיך פר דער טבילה מנקה זיין דם הייסט משתין זיין אונ אופן לופט גיין אונ אלע ערטער ריין צו מאכן פון אום ריינקייט :

ווען

לח ווען צווייא האר פון קאפ זענען פר קלעפט מיט ליים איז חוצץ. אוב דיא אונטערשטע ברעמן פון אוג האבן זיך צוויי האר אן גיקלעפט אן די אובערשטע ברעמן איז איין חציצה :

לט זי זאל פריער אפ וואשן דעם שטוב פון די פים :

מ עס איז שכיח אזעלכע פנים וואס זענען אן געהעפט פעסט אן דעם לייב צווישן די האר מוז מען דס פר דער טבילה אראפ צו נעמן דורך ווארעם וואסר אונ אפ קראצן מיט די נעגיל :

מא איין אשה זאל זיין איין צנועה ווען זיא איז זיך טובל דהיינו זיא זאל גיין טבילה בצניעות עס זאל קיינר ניט וויסן אונ די וואס דער ציילט איטליכן ווען זי גייט טבילה הייסט אזו ווי אבהמה ע"כ זאל זי זיך אפ היטן :

סימן יט

א דס אפ וואשן פאר דער טבילה מוז זיין אוף אלע פר בארגענע ערטער אונ נאר מיט וואסר ניט מיט אנדערע גטרענקע אונ זאל אלע האר צו קעמן עס זאל ניט זיין אן גקלעפט איין האר אן דעם אנדערן :

ב דר נאך מוז זיא זיך אפ שווענקען דעם גאנצן גוף אונ דעם קאפ אפ וואשן מיט ווארעם וואסער אונ זיך גוט באקוקין עס זאל אלעס ריין זיין אונ אלעס גוט אפ קראצן :

ג דס צוואגן מיט דעם וואשן זאל ניט זיין מיט קאלט וואסער נאר מיט ווארעם וואסר ובפרט צוואגן טאר זי ניט מיט קאלט וואסר בשום אופן :

ד דס צוואגן מיט דעם באדן אונ וואשן זאל זיין ביי טאג אונ אוך נאענט צו דר טבילה. ע"כ זאל זי אן הייבן דאס וואשן ווען עס איז נאך טאג אונ עס זאל גווערן ביז נאכט ביז צו דער טבילה :

ה ווען די טבילה קומט אום מוצאי שבת זאל זיא זיך פרייטיג פאר נאכט באדן אונ קעמן אונ וואשן וויא עס דארף צו זיין אונ מוצאי שבת זאל זיא איבר דס נאיי זיך באדן אונ קעמן אונ וואשן פר דר טבילה :

ו ווען די טבילה קומט אום פרייטיג צו נאכט זאל זיא זיך באדן אונ קעמן אונ וואשן אונ אפ קראצן ווען עס איז נאך גרוסר טאג כדי זיא זאל חס ושלום ניט מחלל שבת זיין דר נאך זאל זיא ווארטן ביז שטערן שטייען אונ זאל זיך טובל זיין :

ז נאך דעם ריין מאכן זאל זי ניט נעמן קיין קינד אוף דר האנד אונ זאל זיך אפ היטן זיא זאל זיך ניט איין רעכטן :

ח אז זי הט נאך דעם ריין מאכן גנומן איין קינד אוף דר האנד וואס דס קינד

איז ניט ריין פון צואה אדר ליים אדר בלייטע אונ האט זיך ניט בודק געוועזן דר נאך צי זיא איז ריין אונ האט זיך אזו טובל געוועזן מוז זיא נאך איין מאל טבילה האבן :

ט ווען איין אשה האט זיך טובל געוועזן אונ האט זיך פריער ניט גוט צו קעמט תאמשי די האר זענן ניט צו זאמען געקלעפט אין די טבילה קיין טבילה ניט אונ אפילו אז זיא האט זיך צו קעמט נאר זיא האט זיך ניט בודק געוועזן דעם גוף צי ער איז גוט ריין העלפט אויך ניט די טבילה :

י מיט דער ברכה זאלן זיי נזהר זיין ווי דער של"ה הקדוש שרייבט אז אנשי מעשה זאלן מזהיר זיין זייערע ווייבער זיי זאלן זיך פריער טובל זיין אונ דר נאך מאכן די ברכה אונ דער נאך איין מאל זיך טובל זיין. דיא וואס קענן זיך ניט טובל זיין נאר איין מאל זאל זיא מאן ווייא אין שלחן ערוך שטייט די ברכה נאך דר טבילה צו מאכן :

יא די וואס זענן זיך נוהג צוויי מאל טובל צו זיין מזן ביידע טבילות גוט זיין כדין ניט מקל צו זיין :

יב די וואס זענן זיך נוהג צוויי מאל טובל צו זיין איז דאס ביי זיי ווי איין נדר מאען זיי שון קיין מאל ניט משנה זיין :

יג ווען זיא מאכט די ברכה זאל זי ניט אריין זעהן אין וואסער אריין נאר ארום אונ עס איז רעכט אז זי זאל לייגן די הענד אוף דעם הארץ בשעת ברכה דר נאך זאל זיא אראפ נעמען די הענד אונ זי זאל זייא האלטן אזו געוויינטליך ווייא זיא גייט :

סליק הלכות נדה

קדושת החבור

ווי דר מאן זאל זיך נוהג זיין מיט זיין ווייב ווען זיי זענען צו זאמען :

די אומה ישראל איז איין אום דר וועלט פאלק וואס השי"ת האט זייא אום דר וועלט פון אלע אלטע אומות. דריבר האט השי"ת געזאגט אין אונזער הייליגע תורה והתקדשתם והייתם קדושים כי אני ה' אלהיכם האבן אונזערע חכמים געזאגט אין (מסכת יומא) ווען דער מענטש זאל זיך אן פאנגען צו היילגן אפילו ווייניג אזו העלפט אים גאט אז ער זאל זיך קאנען

מער

מער הייליגן ווען דר מענטש הייליגט זיך אויף דר וועלט הייליגט אים השי"ת אויף יענער וועלט:

אונ איבר הויפט דארף זיך דער מענש זייער צו הייליגן בשעת תשמיש אז ער זאל חלילה ניט טראכטן אין שלעכטע זאכן• ווארום די שלעכטע גדאנקען זענען פועל אויף דעם קינד אזו וויא עס שטייט (וזרו רשעים מרחם) דס איז טייטש די רשעים זענען זייער פרעמד באלד ווי זיי קומן ארוב פון דר מוטערס לייב אבר ווען זיי טראכטן אין הייליגע זאכן שטייט (בטרם אצרך בבטן ידעתיך) דאס איז טייטש איך האב דיך דר קאנט איידר דו ביסט באשאפן גווארן דס דו וועסט זיין איין צדיק• דריבר זאלן זיי טראכטן אין הייליגע זאכן אוף צדיקים אונ אוף זייערע גוטע מעשים אונ חלילה ניט אין שלעכטע זאכן ניט אין זנות אונ ניט אין אנדערע אום ריינע זאכן: אונ ווען ער איז זיין ווייב משמש מיט זאכן פון מצוה אונ מיט אזעלכע זאכן וואס איר הארץ דער פרייט אונ רעט מיט איר זאכן פון מעשים טובים פון צדיקים אונ צדקניות (אונ חלילה ניט ריידן פון נבול פה) רוהט די שכינה צווישן זיי אונ זיי וועלן גווים האבן קינדר גוטע אונ פרומע: ווען איין מאן מיט איין ווייב זיך ליב האבן איינר דעם אנדערן אונ זענן ביי אנאנדער מיט ליבשאפט אונ זייער כונה איז דאס זייא זאלן האבן גוטע אונ פרומע קינדער וועט השי"ת דער פילן זייער גבעט אבער ווען זייא צווישן זיך שלעכטע גדאנקן האבן אזו פר דארבן זיי די קינדער וואס פון זיי וועט ארוס קומן אונ זיך• אזו וויא אונזערע חכמים האבן גלערינט (מסכת נדרים) אין פסוק שטייט (וברותי מכם המורדים והפושעים בי מארץ מגוריהם אוציא אותם ואל אדמת ישראל לא יבואו) דאס איז טייטש איך וועל ארוס קלויבען פון אייך אלע מורדים אונ פושעים פון זייער לאנד וועל איך זייא ארוס ציהן אונ אין ארץ ישראל וועלן זיי ניט קומען• זאגט דרוף (ר' לוי) ווער זענן דיא מורדים אונ פושעים די וואס טוען דיא זאכן וואס ווייטר וועט שטיין) עס איז פר האנדן ניין ערלייא קינדער דיא ניט גוט זענן דאס איז (בני אנוסה) דאס איז טייטש ווען ער וויל ביי איר זיין אונ זי איז ניט מרוצה דער צו (בני שנואה) דס הייסט קינדער ווען ער איז ביי זיין ווייב וואס ער הט זי פיינט (בני נדוי) ווען מען הט אים פארצייטען אין חרם אריין גלייגט דען איז ער אסור ביי זיין ווייב צו זיין (בני תמורה) ווען ער איז ביי זיין ווייב אונ טראכט אוף אנאנדערע (בני מריבה) ווען ער קריגט זיך מיט זיין ווייב אונ ער איז ביי איר איידער ער בעט זיא איבער (בני שכרות) ווען ער איז ביי זיין ווייב בשעת ער איז שכור (בני גרושת

הלב

הלב) דאס איז טייטש ווען ער איז ביי זיין ווייב אונ ער האט אין זיינע גדאנקען איר גט צו געבן (בני ערבוביא) דס איז טייטש ווען ער איין ווייב נעמט אין דיא ערשטע דרייא חדשים וואס איר ערשטער מאן איז גישטארבן אדער ער הט איר גט געגעבן אונ זיא ווערט מעוברת ווייס מען ניט צו דם קינד איז פון ערשטן מאן אין ניינטן חודש גבארן גווארן אדר פון דעם אנדערן מאן אין זיבעטן חודש. (בני חצופה) דס הייסט ווען זיא פאדערט אויף דעם מאן מיט חציפות דס ער זאל ביא איר זיין. פון דיא אלע ביין ווס די גמרא הקדושה הט גרעכינט קען פון זיי קיין גוטע קינדער ניט ארויס קומן. וויל די שלעכטע מחשבה איז פועל אויף דעם קינד וואס דארף גבארן ווערן. נאר די לעצטע איז מער ניט אז זי פאדערט דעם מאן צו דער זאך מיט חציפות אבער ווען זיא פאדערט דעם מאן מיט צניעות לדבר מצוה אז זיא זאל געליבט זיין אויף אים אונ ער זאל ניט האבן קיין גדאנקן אויף אנאנדערע קומען פון זייא ארויס גוטע אונ פרומע קינדער אזו וויא אונזערע חכמים האבן גזאגט אין (מסכת עירובין) (אמר ר' שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל אשה שתובעת את בעלה לדבר מצוה הווין לה בנים זכרים שאפילו בדורו של משה לא היו כמותן). דאס איז טייטש דס ווייב ווס פאדרט אויף דעם מאן פון מצוה וועגן איז זי זוכה קינדער צו האבן דס אפילו אין דעם דור פון משה רבינו הט מען ניט גפונען דס גלייכן:

אויך זאל מען נזהר זיין אז דער צו זאמן קומן פון מאן אונ ווייב זאל זיין בצניעות אז קיינר זאל ניט זעהן. אזו וויא אונזערע חכמים האבן גזאגט אמר (רשב"ל) פיר זעגן פר האנגן דם הש"י הט זיי פיינט רעכינט מען דרונטער דר ווס איז ביי זיין ווייב אפילו פר זיין אייגענע קנעכט אונ דינסטן אונ אויך האבן דיא חכמים גזאגט אין (מסכת נדה) (אמר רב חסדא אסור לו לאדם לשמש מטתו ביום שנאמר ואהבת לרעך כמוך) דאס איז טייטש איין מענטש טאר ניט זיין ביי זיין ווייב ביי טאג ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ליב האבן דיין גזעלן ווי דיך אליין זאגט די גמרא ווי אזו איז דס גדרונגן פון דעם פסוק דס מען טאר ניט זיין ביי זיין ווייב ביי טאג זאגט אביי (שמא יראה בה דבר מגונה ותתגנה עליו) דאס איז טייטש טאמר וועט ער זעהן איין מיאוסע זאך אן איר וועט ער איר ניט ליב האבן ווי זיך אליין (ואמר רב הונא ישראל קדושים הם ואין משמשין מטותיהם ביום) דס איז טייטש ישראל זענען הייליג זיי זענן ניט ביא זייערע ווייבער ביא טאג זאגט דרוף (רבא) ווען אבר אין אפינצטערע שטוב מעג מען. גם האבן אונזערע חכמים גזאגט מען טאר ניט צו זאמען

קומן מיט דעם ווייב ווען אין שטוב ברענט איין ליכט . אויך ניט ווען אין די זעלביגע בעט שלאפט איין קינד. אויך ניט אין דר שטוב וואו עס איז דא איין ספר תורה אדר אנדערע היילגע ספרים סיידן זיי זענען פאר דעקט (די פרטי דינים דר פון זאל מען זעהן אין שלחן ערוך). דר פון זעהן מיר ווי ווייט אונזערע חכמים האבן פר זאגט אויף צניעות :

אויך ניט אין אלע צייט דארף איין מאן מיט זיין ווייב צו זאמען קומען נאר אזו וויא אונזערע חכמים האבן גזאגט אין (מסכת כלה) מען האט גפרעגט דם ווייב פון (ר' אליעזר) וואס זי האט גהייסן (אימא שלום) ווארום זענען דיינע קינדר אזו שיין אונ גוט. האט זי געענטפערט מיין מאן איז ניט ביי מיר אין די ערשטע פיר שעות פון דער נאכט אונ אויך ניט אין דיא לעצטע פיר שעות פון דער נאכט נייערט אין די מיטעלסטע פיר שעות אונ זיין כונה איז ניט פון זיין הנאה נייערט ווי ער איז גנייטיגט דער צו . די כונה דר פון איז אזו דרום איז (ר' אליעזר) ניט גוועזן ביי זיין ווייב אין די ערשטע פיר שעות ווייל דער מענטש האט זאט געגעסן איז דאס זעהר שעדליך פיר די גזונד. אונ די לעצטע פיר שעות איז ער הונגעריג אונ שוואך אונ די קינדער וואס קומען ארויס דער פון זענען אויך שוואך :

אונ ווייל עס איז ראוי דם ער זאל ניט זיין ביי זיין ווייב שטענדיג ווארום פון צו פיל קומט פיל קראנקהייט האבן אונזערע חכמים גזאגט אז די רעכטע צייט פאר איין תלמיד חכם איז פון שבת צו שבת ווייל דענסט מאל האט דער מענטש איין נשמה יתירה :

ומאחר דר ווייל דר מענטש איז באשאפן גווארן מיט (חכמה ודעת) דם הייסט מיט וויסן שאפט דרום ווער עס באהעפט זיך צו זיין ווייב מיט פר שטאנד אלס ווי געהעריג איז רופט דם דר פסוק ידיעה דהיינו וויסן אזו ווי עס שטייט (והאדם ידע את חוה אשתו) אונ דם איז זייער איין גרויסע זאך אונ ער איז איין שותף להקב"ה במעשה בראשית. די כונה איז דער פון ער איז ממלא דער מיט דעם רצון פון השי"ת ווייל גאט האט באשאפן דיא וועלט אז מענשן זאלן זיך פאר מערן. אבער דיא רשעים וואס מיינן נאר זייער תאוה ממלא צו זיין אונ ברענגן רשעים קינדר אויף דר וועלט האט השי"ת קיין חלק דרינען ניט אונ זיי פר דארבן די וועלט אבער דר צדיק וואס טוט די זאך וויא מען בעדארף איז גלייך צו דיא באשעפעניש פון דר וועלט וואס זיא בלייבט אייביג אזו איז אויך די נשמה וואס גאט גיט אריין אין גוף פון צדיקים בלייבט אייביג אונ די נשמה קען ווערקען דורך דעם גוף אונ עס קומט ארויס פון זיי זרע קודש אונ דרוף איז

געזאגט געווארן אין פסוק (והייתם לי קדושים כי קדוש אני יי) דאס איז מייטש איר זאלט מיר זיין היליג דען איך גאט בין היליג :

דיני איסור יחוד

א דער איסור יחוד הייסט דס זכרים מיט נקבות טארן ניט זיין אין איין חדר אן איין שומר . אונ די פרטי דינים זענן וויא עס שטייט ווייטער :

ב מען טאר זיך ניט מתיחד זיין מיט איין נקבה וואס זי איז צו אים אסור . סיי מיט איין איסור וואס מען איז עובר אויף אים איין (לאו) סיי מיט איין איסור וואס עס קומט אויף אים כרת אדר מיתה . סיי די נקבה איז איין יהודית סיי איין נכרית . סיי וויא הט איין מאן סיי זי הט קיין מאן ניט :

ג אז דס ווייב איז נעבן דעם מאן דער ביי . איז ניט דא דער איסור פון יחוד מיט אנדערע ווייבר . ווייל דאס ווייב היט אים . דריבר איז שון דעמסמאל דער איסור פון יחוד ניט דא אויך ביי אנדערע זכרים אונ נקבות ווייל דר מאן מיט זיין ווייב היטן זיי . אבר איין אשה טאר זיך ניט מתיחד זיין מיט איין נכרי חאטשע זיין ווייב איז דא דער בייא :

ד איין זכר מיט צוויי נקבות טארן זיך ניט מתיחד זיין נאך אלע דעות . אבר צוויי זכרים אונ צוויי נקבות איז נאך (דעת הרמב"ם מותר) . אונ אנדערע פוסקים זאגן עס מוז דוקא זיין דריי נשים :

ה איין אשה מיט צוויי זכרים וואס זענן ניט חשוד אויף שלעכטס . ווייל זייא זענן צוויי איז נאך פיל פוסקים מותר אונ עס איז דר ביי ניט דא דער איסור פון יחוד . אבר הען זיי זענען יוא חשודים איז אפילו צעהן זכרים אונ פיל נקבות אויך אסור :

ו דס איז אלץ אין שטאט אונ ביי טאג . אבר ביי נאכט אדר אויפן פעלד איז אפילו ביי אנשים כשרים מוז מען האבן דריי זכרים ווייל טאמר וועט איינר אוועק גיין אויף זיין באדערפניש . וועלן בלייבן צוויי וואס איינר דעם אנדערן וועט היטן :

ז דס איז ווען זיי גייען מיט איר . איר צו היטן . אבר ווען זיי האבן זיך נאר צו זאמן גטראפן איז מותר אפילו אוב עס איז נאר דא צוויי זכרים . וואָרום ווען איינר וועט דארפן גיין אויף זיין באדערפניש . וועט דער אנדערער מיט אים אויך מיט גיין . אונ זיא וועט בלייבן אליין . אונ מיר האבן ניט קיין מורא טאמר וועט איינער מיט איר אליין בלייבן וואָרום מיר שטיצן יעצט פון אנשים כשרים אזעלכע וואס יעדערער פון זיי וועט גווים מיט איין אשה אליין ניט בלייבן :

ח ביי דר נאכט אפילו אין שטאט העלפט ניט צוויי זכרים אפילו כשרים. ווארום מיר האבן מורא טאמר ווערט איינער פון זייא אנטשלאפן ווערין בלייבט נאר דר אנדערער מיט איר. אפילו ער וועט אים וועלן אוף וועקן אבער דר ווייל בלייבט ער דאך אליין מיט איר:

ט דר (ט"ז) איז מתיר ווען איין אשה דארף פארן אין וועג מיט איין מאנס פארשון. קען זי פארן נאר זי זאל מיט האבן איין קינד. דס הייסט איין מיידל וואס פר שטייט שון די זאך. אדר איין יונגיל וואס איז אלט ניין יאהר:

י איין אשה וואס דער מאן איז אין שטאט איז ניט דא דר איסור פון יחוד ביי איר ווייל די מורא פון מאן איז אוף איר. אבר מיט אזעלכן וואס זיא איז מיט אים גוט באקאנט דהיינו זיא איז מיט אים אין איינעם גוואקסן אדר ער איז איר פריינד אדער דער מאן האט איר פר זאגט אז מיט דעם מענשן זאל זיא אליין ניט בלייבן. טאר זיא ניט מיט אים זיך מתיחד זיין אפילו דער מאן איז אין שטאט:

יא דס וואס מיר האבן גזאגט אז איין אשה וואס דער מאן איז דא אין שטאט איז ביי איר דר איסור יחוד ניט דא. איז נאר אין איר שטוב. ווארום דר מאן קען אלע ווייליע קומן. אבער אין איין אנדער שטוב טאר מען ניט. ווארום דער מאן ווייס דאך ניט וואו זיא איז גגאנגען:

יב אוב דר מאן הייסט איר רייטן איין סוד מיט איינעם אונ צו פאר שליסן די טיר אונ דער מאן איז ניט מיט זייא. איז גווים אסור:

יג אין אזו איין שטוב וואס די טיר עפינט זיך צום גאס אדר צום מארק איז ניט דא דר איסור פון יחוד. דס איז נאר ביי טאג אדר פון נאכינט ווען מענטשן גייען נאך ארום איבערן גאס. אבר צוויי דריי שעה אין דער נאכט ווען מענשן גייען שון ניט ארום איבערן גאס איז אסור. אונ עס העלפט ניט וואס די טיר עפינט זיך צום גאס:

יד ווען די טיר עפינט זיך אין איין הוף וואס דארטן וואונן דרייא מענשן איז דער ביי חילוקי דעות. דריבר מוז מען פרעגן איין שאלה:

טו תאמשי מיר האבן אות ג׳ גשריבן אז איין זכר מיט צוויי נקבות טאר זיך גיט מתיחד זיין. אבר ווען די צוויי נקבות זענן צוויי שוועגערינס אדר איין שנור מיט איר שוויגער אדר איין שטיף טוטר מיט איר מאנס טאכטר. מעג מען מיט זייא זיך מתיחד זיין. ווייל די זענן איינע דיא אנדערע ניט קיין גוטע פריינד וועלן זיי איינע אוף די אנדערע ניט פר דעקן. די שנאה וואס צווישן זיי ברענגט אז זיי זאלן איינע אוף די אנדערע זייערע חטאים אוס זאגן. דריבר האבן זיי מורא איינע פר די אנדערע

וועט חס ושלום קיין חטא ניט זיין :

טז דר ווס הט ניט קיין ווייב טאר ניט זיין קיין מלמד פון קליינע קינדר סיי יונגלעך סיי מיידלך. ווייל די מוטערס פון די קינדער קומען צו זיי. חאטשי אין אזו איין ארט ווס דארטן איז קיין יחוד דא. פון דעסט וועגן איז דאך אסור. כדי ער זאל ניט זיין צו פיל גרייצט מיט ווייבער :

יז איין אשה ווס הט ניט קיין מאן טאר אוך ניט לערנן מיט קליינע קינדר סיי יונגלעך סיי מיידלעך. ווייל די פאטערס פון די קינדר קומן צו זיי :

יח דר ווס הט ניט קיין ווייב טאר ניט דינגן איין משרתת ווס הט ניט קיין מאן האטשע איר זון איז ביי איר. ווארום ניט אלע מאל וועט דר זון דארטן זיין :

יט איין פאטער מעג זיך מתיחד זיין מיט זיין טאכטר אונ איין מוטער מיט איר זון אפילו שטענדיג צו וואוגען אין איינעם. אבער איין ברודר מיט זיין שוועסטר איז נאר ווען עס טרעפט אבר ניט שטענדיג. אונ ווער עס איז מחמיר. וועט אוף אים קומן איין ברכה :

כ צוויי זכרים ווס האבן ניט קיין ווייבר טארן ניט שלאפן אין איין בעט אונ עס איז איין מצוה דס ניט צו צו לאזן :

כא איין מוטר מעג שלאפן מיט איר קליינעם זון כל זמן זי שעמט זיך ניט קעגן אים צו שטיין נאקעט. אונ איין פאטר מעג שלאפן מיט זיין קליינע טאכטר כל זמן זיא שעמט זיך ניט קעגן אים צו שטיין נאקעט. אבר אז זיי זענען שון אזעלכע קינדר ווס די זאכן פאסט שון ניט פאר זיי צו טאן טאר מען שון ניט שלאפן מיט זיי נאקעט :

כב מען טאר ניט זיין איין מעקלער צו ברענגן איין נקבה צו איין זכר צו ניאוף. אפילו אוב דר זכר איז ניט קיין יהודי. אונ דער ווס איז איין מעקלער אין דר זאך הט איין גאנץ גרוסע עבירה :

כג דר כלל איז איין זכר מוז זיך דר ווייטערן פון נשים זייער אונ זייער. ער טאר ניט צו איין אשה (ווס צו אים אסור איז) ווינקען מיט די אוגען אדר מיט דיא הענד אדר מיט די פים. ער טאר ניט לאכן אדר שטיפן מיט איר. אונ עס איז אסור זיך איין צו קוקן אוף איר שונקייט חאטשי ער הט ניט אין זינען איין שלעכטע מחשבה. אוך איז אסור צו שמעקן די בשמים ווס אוף איר. מען טאר זיך ניט איין קוקן אוף נקבות ווס וואשן ביי דעם טייך. אוך טאר ער זיך ניט איין קוקן אוף די קליידער אדר די תכשיטין פון איין אשה ווס זיא איז אים באקאנט אפילו די קליידער אדער די תכשיטין ליגן אוף דעם טיש. מען טאר ניט נאך גיין נאך איין אשה

ווען זי גייט אוף דער גאס . נאר מען מוז איר פר ביי גיין אונ הינטען לאזן אויך טאר מען ניט פר ביי גיין די טיר פון איין אשה זונה אפילו פיר איילן וייט . די אלע דינים וואס דא שטייט איז קיין חילוק ניט אוב די נקבה איז איין קליינע אדער איין גרויסע . צי זיא האט איין מאן אדער ניט . ווען אפילו זי האט קיין מאן ניט טאר מען אויך ניט אויף איר קוקן פון תאוה וועגן . נאר אוב ער וויל איר נעמן פר איין ווייב איז מותר איר גוט צו זעהן . אונ עס איז נאך איין גרויסע מצוה . ווייל עס איז אסור צו מקדש זיין איין ווייב ביז וואנן ער זאל איר גוט אנזעהן :

כד פיל מענשן מיינען אז וואס די נקבה איז צו אים מער קרובה איז אלץ גיכער מותר איר מחבק ומנשק צו זיין . דאס איז אבער איין טעות אונ עס איז איין מצוה מפורסם צו מאכן אז די זאך איז גאנץ פר קערט אונ וואס זי איז צו אים גענטער איז אלץ דר איסור אונ דיא עבירה גרעסער . אונ עס איז ניט רעכט אז אפילו ברידער אונ שוועסטער זאלן זיך קושן אונ האלדזן אז זיי זענן גרוס . חוץ איין פאטער זיין טאכטער אדער זיין איינקיל אפילו זיי זענן גרוס . אדר איין ברודער זיין שוועסטער וואס זיא איז מער ניט אלט ווי דריי יאר . די מעגן זיך קושן :

דינים פון פלייש זאלצן

א פר דעם זאלצן מוז מען דם פלייש איין ווייקן אין וואסער ניט אין ווארעם וואסער נאר אין קאלטע עס מוז זיך ווייקן איין האלבע שעה סיידן לכבוד שבת מעג זיין ווייניגער ווי איין האלבע שעה כדי עס זאל ניט ארוס קומן איין חילול שבת :

ב אונ מען מוז גוט אפ רייבן אין דעם ווייק וואסער עס זאל ניט בלייבן קיין טראפן בלוט אויף דם פלייש . אונ ווען ער געפינט נאך דעם זאלצן א שטיקעל בלוט אין גאנצן . מוז ער דעם ארט גוט אפ שיילען :

ג אז דאס פלייש איז געפרארן טאר מען עס ניט זאלצן ביז עס גייט אויף אין ווייקן דער נאך זאל מען עס ערשט זאלצן :

ד זאלצן דם פלייש מוז מען אויף אלע זייטן מען זאל ניט איבר לאזן איין ליידיג שטיקל ארט אין דעם פלייש אן זאלץ אום ווייניג אונ אינעווייניג :

ה פר דעם זאלצן מוז דאס פלייש אביסל אפ רינען פון דעם וואסער כדי עס זאל ניט צו גיין דם זאלץ . אבער מען טאר ניט לאזן דם פלייש דם ער זאל ווערן גאנץ טרוקן דען אויף טרוקענע פלייש ציהט ניט דאס זאלץ :

ו אז מען זאלצט פלייש ביי נאכט מוז מען זאלצן ביי צווי ליכט כדי מען

זאל

זאל זעהן אז עס זאל ניט בלייבן אשטיקעל לייזיג:

ז בשעת ווייקן פר דעם זאלצן מוז מען דם פלייש אפ שווענקן פון דעם
בלוט אין ווייק וואסער:

ח נאך דעם ווייקן פר דעם זאלצן אז מען הט דם פלייש צו שניטן אפילו
מען האט נאר איין שטיקעל אפ גשניטן דער פון מיט איין מעסער
מוז מען איבר דם נאיי אביסל ווייקן אונ גוט אפ שווענקען אונ דער
נאך זאלצן:

ט מען גהער ניט צו זאלצן מיט גאנץ דינע זאלץ:

י אויך טאר מען ניט זאלצן מיט גאנץ גראבע זאלץ וואס פאלט אראפ פון
דעם פלייש. אונ ווען עס איז זייער גראב זאל מען דם זאלץ צו שטוסן
אבר ווען ער הט נאר דינע זאלץ אפילו ווען עס איז דין וויא מעל מעג
ער דער מיט זאלצן:

יא דם פלייש זאל ליגן אין זאלץ איין שעה. אבר לכבוד שבת אז מען הט
מורא מען זאל ניט מחלל שבת זיין אדער לכבוד אורחים אדער פאר
איין קראנקען (ר"ל) איז גנוג איין האלבע שעה:

יב נאך דעם זאלצן פר דעם אפ גיסן זאל מען דאס פלייש גוט אפ
שאקלען פון דיא טריפה זאלץ. אונ דער נאך אפ גיסן אונ דער נאך
וואשן אין איין כלי אונ דער נאך ווידר אפ גיסן. אונ ווען מען דער
זעהט אשטיקעל בלוט נאך דעם זאלצן וואס מען הט ניט אפ גשווענקט
גוט. איז דער דין אז מען מוז אפ שניידן פון דעם ארט אשטיקעל פלייש
אונ אוועק ווארפן:

יג אין דער כלי וואס מען שווענקט איבר דם פלייש נאך דעם זאלצן זאל
מען ניט אריין ליגן פריער דם פלייש נאר פריער וואסער אן גיסן:

יד אז מען הט ניט איין בעזונדערע גילעכערטע כלי צום זאלצן מעג מען
זאלצן אויף איין אפ גהובעלטע ברעט אונ מען זאל דם ליגן משופע:

טו די כלי וואס מען ווייקט דם פלייש איז זיך דר עולם נוהג אז מען ניצט
איר נאך דעם ניט אפילו צו קאלטע זאכן:

טז אטייל זאלצן אויף שיסליך האלץ מוז מען זעהן דם עס זאל ניט זיין אין
שיסל האלץ קיין שום גריבל ווי דם בלוט קען זיך עטוואס פר האלטן
ווארום אז עס פר האלט זיך אביסל איז שוין אשאלה אונ עס העלפט
ניט וואס דם האלץ איז גלעגן קרומליך כדי עס זאל אראפ רינען:

יז פלייש וואס איז גלעגן דריי מעת לעת אום גזאלצן אונ אום גווייקט טאר
מען עס שון ניט זאלצן צום קאכן נאר מען מוז עס שון בראטן אויף דעם

יער ניט אין קיין כלי . אז מען הט דס אבער גווייקט אביסל פר דרייא מעת לעת פון דעם שעכטן אדר מען הט דס גוט אפ גגאסן מעג מען דאס נאך האלטן אשעה וויניגער פון דריי מעת לעת . מען גהער אבער ניט אפ צו גיסן קיין פליש כדי מען זאל עס האלטן דריי מעת לעת :

יח אז דס פליש איז גלעגן דריי מעת לעת אום אפ גגאסן אונ מען הט עס דער נאך גבראטן אוף דעם פייער ווי דר דין איז טאר מען עס נאך דעם בראטן אויך ניט קאכן מען מוז עס אזו עסן גבראטן :

יט פר דעם זאלצן טאר מען ניט ארוף לייגן דס פליש אוף איין ברעט אדר אוף איין טיש וואו מען לייגט דארט אפט זאלץ ווייל דס וועט זיין אזו וויא עס איז גזאלצן ניט גווייקטערהייט אוך טאר מען ניט לייגן דס פליש אין אזעלכע כלים וואס מען לייגט אפט מאל אנדערע זאכן אזו ווי גרינקמען אדער פרוכט אדר אנדערע זאכן וואס מען עסט אפט מאל ניט אפ גשווענקטערהייט . ווייל דארטן קלעפט זיך אן אפט שטיקלעך בלוט :

כ ווען מען הט פר געסן אונ מען הט גלאזט ליגן דאס פליש ווייקן פר דעם זאלצן איין גאנצן מעת לעת איז דאס טריפה אונ מען זאל פרעגן איין שאלה . אונ אז מען הט גלאזט ליגן דס פליש אין זאלץ איין גאנצן טאג זאל מען אויך פרעגן איין שאלה . אונ אז דער דריטער מעת לעת קומט אום אום שבת אדר יום טוב זאל מען פרעגן איין שאלה ווי אזו אפ צו גיסן :

כא ווען דס פליש וואס עס ליגט אין זאלץ איז ארין גפאלן אין שעפיל אדר אוף דער ערד מוז מען פרעגן איין שאלה :

כב ווען מען זאלצט איין קעפיל מוז מען דס קעפיל אוף מאכן צו שניידן אוף צווייען אונ אוף אלע זייטן זאלצן אונ פר דעם זאלצן ווייקן ווי אובן איז גשטאנן . אז מען הט ניט צו האקט דס קעפיל מוז מען איין שאלה פרעגן :

כג די קלאען פון די פיס מוז מען אונטן אפ האקן ביז מען זעהט ארוס פליש מיט בלוט . אונ בשעת ווען דר פוס ליגט אין זאלץ זאל מען אים שטעלן מיט די קלאען אראפ כדי דס בלוט זאל אפ רינען . אז מען הט ניט אפ גהאקט די קלאען זאל מען פרעגן איין שאלה :

כד ביינער וואס זענן גאר אן פליש נאר זיי זענן פעטע ביינער זאל מען זאלצן די ביינר ניט צווישן פליש . אבער ווען זיי זענן נאך מיט דעם פליש צו זאמן גהעפט מעג מען זיי זאלצן אין אייגעם :

כה דס הערצל מוז מען פר דעם זאלצן עפינען אונ צו שניידן אונ אז מען הט פר געסן צו שניידן מוז מען פרעגן איין שאלה :

כו אמייל מענשן זענן זיך נוהג אז די הערצלך פון איין בהמה אדר פון איין

עוף זאל מען גאר ניט עסן ווייל דס ברענגט שכחה :

כז די מילך מוז מען פריער טרייבערן ווי דר דין איז פר דעם זאלצן אונ אז מען המז זי ניט פריער אפ געטרייבערט מוז מען פרעגן איין שאלה :

כח דעם לונג פר דעם זאלצן דארף מען ניט פון אנדער שניידן ווייל דאס הייסט וויא איין גראבע שטיק פלייש נאר מען איז זיך נוהג פון אנדער צו שניידן אונ צו עפענען די רעהרן וואס דארטן איז דא :

כט די אייער וואס מען געפינט אין עופות סיי פארטיגע הארטע סיי נאר געלבלעך אליין מוז מען זאלצן פרין נאר ניט געבן פלייש. אונ אז מען הט גזאלצן די אייערלעך געבן פלייש מוז מען פרעגן איין שאלה :

ל לעבער טאר מען ניט זאלצן אונ קאכן נייערט בראטן אוף דעם פייער. אונ גלייכר איז מען זאל פר דעם בראטן פריער גוט דורך שטעכן דעם לעבער מיט איין מעסער :

לא אז מען בראט אוף דעם פייער איין לעבער מיט אייערליך פון איין הון זאל מען נזהר זיין אז מען זאל ניט ליגן די לעבער אוף די אייערלך :

לב אז מען המט פר געסן אין דער הון דס לעבערל אדער דאס הערציל אונ מען המט אזוי גזאלצן זאל מען פרעגן איין שאלה :

לג נאך דעם בראטן מוז מען די לעבער אפ ניצן דס גלייכן פלייש אז מען בראט אוף דעם פייער אום גזאלצן מוז מען אויך דר נאך אפ גיסן :

לד בשעת מען לייגט עס בראטן זאל מען אוף דעם פייער אביסל בעזאלצן :

לה ווען מען בראט לעבער אוף דעם פייער אדר אום גזאלצן פלייש אונ עס המט זיך אזוי אפ גבראטן אז עס קענען שון עסן ארוב מענטשן. אונ מען המט אים פר דעם בראטן צו ריסן אין דר לענג אונ דער ברייט. אדר מען המט אים גוט צו שטאכן מיט איין מעסער. אונ דיא אפענע ערטער גלייגט אראפ אז דס בלוט זאל קענען גוט ארוס בשעת בראטן. דען מעג מען עס שון דער נאך קאכן :

לו למען השם מען זאל נזהר זיין אז מען בראט פלייש גזאלצענעס אדער לעבר אוף דעם פייער זאל מען דס ליגן אוף בריענדיגע קולן ניט אוף די ליידיגע הייסע קעך ווארום זי ווערט טריפה :

לז אייטער טאר מען ניט זאלצן מיט פלייש צו זאמן ווייל דרינען איז דא מילך בייטלך. אונ מען איז זיך נוהג אז אייטער קאכט מען ניט. נאר מען בראט דס אוף קולן. אונ פר דעם בראטן צו רייסט מען דאס אין דר ברייט אונ אין דר לענג אונ מען קלאפט דס אום אן דר וואנד אדער מען צו שנייט דס פיל מאל. אבר בראטן אין איין כלי טאר מען ניט

וויל דם הייסט וויא גקאכט. אונ נאך דעם בראטן מעג מען דם שניידן מיט איין פליישיגן מעסר הגם עס איז נאך הייס. אויך מעג מען אריין לייגן אין איין פליישיגע כלי נאך דעם בראטן:

לח אז מען הט געהאט איין הון אונ עס הט זיך גטראפן איין שאלה אויף דר הון אדער איין גאנז אונ דם איז געווארן טריפה אונ עס איז דריגען געווען איין פארטיגע איי איז דם איי אויך טריפה. חאטשע מען פאר קויפט די הון צו איין נכרי דם איי טאר מען ניט פר קויפן קיין נכרי אונ ניט שענקען צו איין נכרי ווארום טאמער וועט ער עס איין יהודי פר קויפן נאר מען זאל עס פריער צו ברעכן אונ אוס גיסן. אין דעם מוז מען זייער נזהר זיין:

לט מען דארף אויך נזהר זיין אז איין נכרי ברענגט אייער צו פאר קויפן אז די אייער זענן אויף ביידע זייטן רונד קאלעכדיג אדר אויף ביידע זייטן שפיציג מען זאל די אייער ניט קויפן זיי זענן פון טמא עופות:

מ מען גהער ניט קויפן ביי איין נכרי קיין רעטעך אונ זויערע טרוקענע עפעלעך אונ חריין ווס דר קאפ איז אפ גשניטן מיט איין מעסר:

דיני תולעים

א דר איסור פון ווערעם איז זייער גרוס עס איז פר האנגן אזעלכע ווערמלעך ווס מען איז אויף זיי חיב כמה מלקות. דעריבר מוז מען זיך היטן ווען מען שעפט וואסער פון איין ברונען וואס מען וויס עס איז אין אים דא ווערעמלך דם מען זאל דם וואסר פריער דורך זייען דורך איין טוך. אונ ווען מען ניצט דאס וואסר ניט גזייטערהייט אונ מען קאכט דער מיט טאר מען דם עסן ניט עסן:

ב דם וואסר ווס מען וויס עס איז דרינען דא ווערעמלך טאר מען דער מיט אויך ניט אפ שווענקען קיין פלייש אדר איין אנדער עסענווארג איידער ער הט זיי דורך גזייעט. ווייל די ווערמלעך קלעבן זיך און אן די שפייז:

ג עסיג וואס גפינט זיך דרינען ווערמלך טאר מען דם ניט ניצן. סיידן ער זאל פריער דעם עסיג קאכן אונ נאך דעם זייען. אבר ווען ער זייעט פר דעם קאכן העלפט דם ניט:

ד ווען מען גפינט מילבן אין מעל. טאר מען דם מעל ניט ניצן אונ מען טאר דם מעל ניט פאר קויפן אפילו צו איין נכרי טאמער וועט ער דם צוריק פר קויפן צו איין יודן אונ ער וועט דם מעל ניצן) ביז וואנען מען זאל פרעגן איין שאלה:

ה אלע זאכן ווס מען מוז קלויבן אונ זעהן אוב עס איז ניט דא קיין מילבן

העלפט ניט וואס ער האט אוס גיקליבן אונ איבר גזעהן דעם גרעסטן טייל דר פון נאר מען מוז דורך זעהן אין גאנצן איטליכע פרי באזונדער:

ו אין גרינסן איז מן הסתם דא ווערעם. אוך אין פעטרושקע אונ קימל. דריבר טאר מען זיי ניט עסן סיידן ווען מען קלויבט איבר פריער. אונ אוך סאלאטע אונ גרינע ציבעלע וואס מען עסט דם רויערהייט מוז מען פר דעם עסן גוט איבר זעהן. אונ אוך ארבעס אונ שוטן (שטרוצעס) איז מן הסתם דא ווערמדיגע. טאר מען ניט עסן סיידן מען זאל איבר קלויבן יעדער ארבעסשוטן באזונדר. אונ אוך די קראפ וואס מען לייגט אין אוגערקעס איז דא אין יעדען צווייגל ווערעמלך אונ ווען מען הט גלייגט די קראפ ניט גקליבענערהייט אין די אוגערקעס מוז מען אוס זייען די יוך (ראסעל) אונ איבר שווענקען די אוגערקעס:

ז אין מאלינעס איז דא זייער פיל ווערעמלך וואס מען קען אפילו ניט גוט אוס קלויבן דריבר איז רעכט אונ בעסער מען זאל דאס גאר ניט עסן אדר מען זאל זייער גוט קלויבן יעדערע באזונדער:

ח אין שוועמלעך זענען מן הסתם דא ווערימדיגע דריבר טאר מען זייא ניט עסן סיידן מען זאל גוט איבר קלויבן:

ט פאמעראנצן שאלעכץ מוז מען איבר זעהן גוט צי איז ניט דא קיין מילבן אונ ווען מען לייגט דם אין אין ווארמען אובן וויא די מילבן ווערן פאר ברענט מעג מען די פאמעראנצן שאלעכץ ניצען:

י עס איז רעכט דם דר מענש זאל גוט אכטונג געבן אוף אלץ וואס ער עסט אוב עס איז ניט דא קיין מילבן אדר ווערעמלך:

יא קליינע פישלעך מוז מען אוס קלויבן אוב עס איז ניט דא דרינען קיין טמא פישלעך וואס מען טאר ניט עסן. אונ ווען עס איז צו שניטן אונ שטיקלעך אז מען קען שוין ניט מער ערקענן די טמא. פישלעך טאר מען דם גאר ניט עסן:

יב ווען מען הט פר געסן אוס צו קלויבן למשל ארבעס אדר אנדערע זאכן וואס דר שטייגער איז ווערעמדיג צו ווערן. אונ מען הט גקאכט ניט גיקליבענערהייט מוז מען פרעגן איין שאלה ביי איין מורה הוראה:

יג ווען עס איז אריין גפאלן מילבן אין האניק זאל מען דעם האניק אן ווארמן ביז עס וועט צו גיין אונ דר נאך דורך זייען דורך איין טוך:

יד ווערימדיגע וועיץ מעג מען אוס קלויבן פריער אונ דר נאך צו מאלען אונ מען מוז נאך דעם דם מעל אוס זיפן דורך איין זיפ ביי טאג אנטקעגן די זון אונ מען זאל גוט אכטונג געבן צו געפינט זיך נאך ווערימלעך דארטן:

ווען

חובת נשים

טו ווען מען הט גשניטן איין רעטעך אדער איין פרי אונ שניידענדיג הט ער צו שניטן איין ווארעם זאל ער אביסל אפ שיילען וויא ער האט גשניטן אונ די איבריגע מעג ער עסן:

טז ווערם וואס געפינט זיך אין קעז מעג מען עסן מיט דעם קעז. אבר מען מוז גוט אוף פאסן אז דס ווערימל זאל ניט קריכן פון איין ארט אוף דעם אנדערן. אפילו פון דעם ארט וואו ער איז גלעגן אוף דעם אנדערן ארט גאנץ דר ביי. אונ ווען ער הט אפ גטרעטן פון זיין ארט איז ער שון אסור דריבר זאלן גזהר זיין די וואס שניידן ווערימדיגע קעז אז זייא זאלן גלייך שניידענדיג מיט דעם מעסער צו קוועצן די ווערימלך איידר זייא וועהן נאך דעם לופט אונ איידר זייא קענן זיך נאך דרייען פון איין ארט אוף דעם אנדרן:

דיני חלה

א די מצוה פון חלה נעמן האבן אונזרע חכמים מזכה גוועזן די אשה זיא זאל די מצוה טאן. על כן דארף זיא די נייטיגע דינים וויסן:

ב דר שיעור פון חלה זאל זיין אזו איין שטיקל טייג וויא איין האלב איי גרוס:

ג אז זיא פר קנעט איין טייג פון ווייצן מעל אדר קארן מעל אדער האבער מעל אדר גערשטן מעל אונ זיא האט פר קנעטן מער וויא צווייא מיט איין האלבע קווארט מוז מען שון נעמן חלה אונ מאכן איין ברכה:

ד אויך ווען מען הט אום גמישט עטליכע מעלן צו זאמען אונ אין זיי איז דא איין שיעור וויא אובן איז גשטאנען מוז מען נעמן חלה. אונ אויך ווען מען הט עטליכע טייגלעך פון עטליכע מינים צו זאמן גקנעטן אונ עס איז דא אין אלע טייגלעך אין איינעם איין שיעור מוז מען נעמן חלה:

ה מען טאר ניט מיט מוטוויליג פר קנעטן איין קלענערע טייג וויא דער שיעור איז כדי זיא זאל ניט דארפן קיין חלה נעמן. ווען זיא האט אבער ניט אזו פיל דארף זיא ניט צו זוכן מעהר פון חלה וועגן. לכבוד שבת אונ יום טוב גהער אבר איטליכע אשה נזהר זיין זיא זאל פר קנעטן אזו איין טייג עס זאל זיין איין שיעור זיא זאל קענען נעמן חלה:

ו ווען זיא פר קנעט טייג צום קאכן דארף זיא ניט נעמן קיין חלה אפילו איין גרוס טייג. נאר מען גהער אבר צו נעמן חלה אהן א ברכה אדער צו לייגן צו אנדערע טייג אונ צו נעמן פון יענע טייג חלה מיט איין ברכה:

ז ווען זי פר קנעט איין טייג צו קאכן נאר זיא וויל א שטיקעל פון דעם טייג באקן אפילו איין קליין שטיקל מוז זיא שון נעמן חלה פון דעם גאנצן טייג אונ מיט איין ברכה:

ווען

ח. ווען זיא פר קנעט טייג מיט האניג אדר מיט בוים אייל אדר מיט מילך אונ רעכט גלייבן אונ זיא וויל דס באקן אונ עס איז דא איין שיעור נאהנט קווארט מוז זיא נעמן חלה מיט איין ברכה :

ט. מיט אייער אליין אן וואסר גהער מען ניט צו פאר קנעטן. קיין טייג צום באקן מחבת חלה מוז מען נעמן אונ מיט דר חלה ווייס מען ניט וואס צו טאן אזו וויא דער דין שטייט אין שלחן ערוך. על כן גהער מען אביסל וואסר אריין צו טאן :

י. אטייל ווייבר זענען זיך נוהג אז מען פר קנעט איין גרוסע טייג פרייטאג צו שנייהדן זיי דם טייג אוף צוויי שטיק אונ פון איטליכן שטיק נעמט איין אנדערע אשה חלה דס טאר מען ניט בשום אופן :

יא. ווען מען הט פר קנעטן באזונדר צוויי טייגען אז מען לייגט זייא אין איינעם אין איין מולטער אריין אדער אפילו אוף איין ברעט נאר מען דעקט זיי צו ארום מיט איין טישטוך אדער מיט איין פארטוך מעג מען נעמן פון איין טייג חלה אונ מען איז שון מיט דם אנדרע אוך יוצא. אפילו ווען מען הט שון איטליכם טייג באזונדער אפ גבאקן אונ דער נאך נעמט מען די ברויט צו זאמן אין דער מולטער אדר מען דעקט זיי ארום מעג מען נעמן חלה פון איינעם אוף דעם אנדערן :

יב. ווען אין איטליכעם טייג אדר אין גבאקענע איז דא איין שיעור דארף מען גאר ניט ארום צו דעקן. אז עס רירט זיך נאר אן נעמט מען פון איינעם חלה איז שון גנוג אוף דעם אנדערן :

יג. ווען די צוויי טייגן געהערן איטליכם צו איין אנדערע אשה חאטשי מען לייגט זיי אין איינעם מוז מען פון איטליכן טייג באזונדער חלה נעמן :

יד. ווען מען הט פר קנעטן איין טייג פון נייע תבואה אונ איין טייג פון אלטע תבואה טאר מען ניט נעמן פון איין טייג מען זאל יוצא זיין דם אנדרע חאטשע מען הט ביידע צו זאמן גלייגט :

טו. מען דארף נזהר זיין מיט דעם וועך טייג וואס מען נעמט אונ מען מאכט איין ראשטשינע דער נאך נעמט מען חלה פון דער ראשטשינע אונ עס קען זיין מען טרעפט גאר אז די חלה איז דם שטיקיל וועך טייג וואס איז געווען פון פריער אונ פון דעם וועך טייג הט מען שון גנומן איין מאל חלה איז מען שון איצונד ניט יוצא מיט דר חלה. על כן זאל מען נזהר זיין אז יעדר ווס וויל איבר לאזן וועך טייג זאל דם וועך טייג פריער אראפ נעמן פון דר ראשטשינע איידר ער נעמט חלה דער נאך אז ער נעמט אוועק די חלה זאל ער דם וועך טייג אריין לייגן אדר מען זאל איטליכעם

צו קענטען איין באזונדר טייגיל אונ צו לייגען צו דער ראשטשינע אונ פון דעם באזונדערן טייג חלה צו נעמען. דעם דין דארפן אלע ווייבר וויסן אונ בפרט אלע בעקר. אונ מען מוז דרויף גוט אויף פאסן זייער באלד נאך פסח אז די בעקר פר קופן אביסיל טייג אין חמץ דאס עס זאל זייא בלייבן אויף נאך פסח כדי די דיישע זאל ניט מכולה ווערן אדר עס זאל זיך דס ברוט גבער זייערן. זאלן זייא אויך אזו טאן. צו מאכן איין באזונדער טייג אונ צו לייגן צו דעם טייג אונ פון דעם טייג וואס אויף איר איז קיין שום ספק פון איר זאלן זיי חלה נעמן אויף ביידע צו זאמן:

טז אנדערע דינים פון חלה ובפרט דיני חלה פון מצות ערב פסח אונ ווען זיא הט שון צו שטוסן מצות אן חלה גנומן אדר ווען זיא הט פר געסן חלה צו נעמן אונ עס איז שון שבת דס מוז מען אלץ פרעגן איין שאלה:

יז די ברכה פון חלה ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש (תרומה) חלה: אטייל מאכן יום טוב שהחינו דס שטייט ניט אין קיין ספר:

יח אז די בעלת הבית איז ניט דא אונ דיא דינסט קנעט דס טייג מעג זיא אליין נעמען חלה מיט אברכה עס קומט אבער גאר אפרעמדער וואס הט דס טייג ניט גקנעטן אונ איז ניט דא קיין דינסט אונ נעמט חלה איז די חלה גאר ניט קיין חלה. מען מוז איבר עס נאיי חלה נעמן מיט איין ברכה:

יט אז די בעלת הבית הייסט נעמן חלה מעג יעדר נעמן חלה:

דינים פון וואשן די הענד

א איין אשה מוז נאך געבר נזהר זיין זיך אפ צו גיסן דריי מאל גביטן דיא הענד ווען זיא שטייט אויף פון בעט מחמת זיא הט צו טאן ביי עסן ווארג:

ב צום ברוט עסן מוז איין אשה זיך אויך וואשן כדין מיט איין גאנצע כלי אונ אלע דינים וויא איין מאן:

ג ווען איין אשה עסט ברוט מוז זיא אויך בענטשן אונ המוציא מאכן אונ אלע ברכות וואס מען דארף צו מאכן איבר עסן אונ איבר בשמים אונ איבר איין קלייד:

דיני תפלה

א דאוונען מוז איין אשה אויך נאר עס איז ניט קיין חיוב דער גאנצר סדר התפלה דער עיקר איז זיא זאל זאגן איין בקשה צו השם יתברך מיט דעם גאנצן הארץ איז גנוג. ווען זיא קען דאוונען איז אוודאי איין

מצוה צו דאווענען. עס איז אבער דא פיל ווייבער וואס לויפן פריא אונ פר נאכט אין שול מיט דעם סידור דאס איז ביי זייא די גאנצע מצוה אונ חאטשי דער מאן הייסט איר נייטיג אין דר היים צו זיין זיי פאלגן אבער ניט די מאנען זיי פלוכן נאך דעם מאן איז אוודאי איין עבירה עס איז בעסר זי זאל זיצן אין שטוב אונ איר בקשה אין דר היים אפ צו זאגן אדר דם דאווענען ווען זיא קענן מיט כוונה אונ זאל בעטן פר פרנסה דאס געהער צו די ווייבר אונ זאל נאר פאלגן איר מאן אזו הייסט זיא איין אשה כשרה וואס זי טוט דעם מאנס רצון אזו הייסט אונזער הייליגע גמרא ובפרט אז דער מאן זיצט אונ לערינט תורה אונ זייערע קינדר לערנן אויך תורה איז בוודאי מער מצוה דעם מאן מיט די קינדר צו באדינען וויא אין שול צו זיצן ובפרט אום דר וואכן ווען זיא האט אין דר היים צו טאן:

דינים פון שבת

א די ווייבר געהערן נזהר זיין פריא לעכט אן צו צינדן אונ די וואס זענען נזהר ווערן זוכה זיין צו האבן בנים תלמידי חכמים:

ב ווען זיא האט איין שבת פר געסן ליכט אן צו צינדען מוז זיא שון דעם אנדערן שבת איין לעכט מער אן צינדען אונ אזו זאל זיך שון תמיד נוהג זיין:

ג איין יולדת זענן אטייל ווייבר זיך נוהג אז זייא בענשן ניט אליין נאר דער מאן. אונ אטייל לאזן שטעלן לעכט נעבן בעט אונ בענטשען אליין. עס איז אבער נאר אז די לעכט בלייבן נעבן איר שטיין אבער אוועק נעמן די בענש לעכט פון איין ארט צום אנדרן טאר מען קיין מאל ניט:

ד ווען איר ליל טבילה קומט אום פרייטיג צו נאכט זענן אטייל זיך נוהג אז זיי בענשן לעכט דארט אין די שטוב פון דעם באד אונ אטייל לופן נאך דער חפיפה הייסט נאך דעם וואשן אונ צוואגן אהיים אונ בענשן לעכט. עס איז אבער ניט גוט דאס בעסטע איז דער מאן זאל אליין בענשן. אטייל זענן זיך אבער נוהג זיי הייסן די לעכט אן צינדן אונ אז זיא קומט אהיים פון דר טבילה ביי נאכט מאכט זיא די ברכה דאס איז איין ברכה לבטלה:

ה דעסט גלייכן תמיד אז איין אשה האט פר געסן צו מאכן די ברכה איבר דיא לעכט צינדן איז דר דין אזו אז עס איז נאך טאג מעג זיא נאך מאכן די ברכה אבער אז מען טאר שון אין דער צייט ניט אן צינדן קיין ליכט טאר זיא שון ניט מאכן קיין ברכה עס איז שון א ברכה לבטלה:

ו דיא ברכה איז בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שַׁבָּת. אום יום טוב לְהַדְלִיק נֵר יוֹם טוֹב. אום יום כפור לְהַדְלִיק נֵר יוֹם הַכִּפּוּרִים:

די ווייבער זעגען זיך נוהג זיי מאכען יום טוב שֶׁהֶחֱיָנוּ אויך ביי ליכט צינדען:

ז מחמת ביי אלע מצות מוז זיין די ברכה פאר דער מצוה. אבער ווען זי וועט מאכען די ברכה פאר דעם אן צינדען איז זיא שון מיט דער ברכה מקבל שבת טאר זיא שון ניט קיין ליכט אן צינדען. איבער דעם האבען אונזערע גדולים איין עצה געגעבען זי זאל פריער אן צינדען דר נאך זאל זיא נעמען די הענד פאר די אויגען זיא זאל דס ליכט ניט זעהען אונ ניט קיין הנאה האבען פון דעם פייער אונ מאכט אזו די ברכה דער נאך נעמט זי די הענד אוועק אונ זעהט די ליכט הייסט שון אזו וויא זי מאכט די ברכה פאר דר מצוה:

ח נאך שרייבען אונזערע הייליגע ספרים אז ווען זיא מאכט די ברכה אונ האלט צו די אויגען זאל זי אויך מתפלל זיין בכונה פאר השם יתברך ער זאל איר געבען בנים זכרים זאלען לייכטען אין דער הייליגע תורה. השי"ת איז אלע תפלות מקבל ובפרט בשעת מצות הדלקת נר של שבת אונ יום טוב:

ט די אשה וואס הט ליכט געבענשט טאר שון קיין שום מלאכה ניט טאן ווארום זיא הט שון אויף זיך מקבל געוועז שבת קודש:

י קידוש צו מאכען איז דר חיוב אויף דער אשה גלייך וויא אויף דעם מאן נאר אז זי הערט וויא דער מאן מאכט קידוש איז זיא יוצא. ווען קיין גרוסער איז אבער ניט דא זאל זי אליין קידוש מאכען ניט זי זאל יוצא זיין מיט קידוש פון איין יונגיל אפילו איין יונגיל איין בר מצוה אז ער איז נאך ניט קיין גדול על פי שלחן ערוך איז בעסר זיא זאל אליין איטליכעם ווארט זאגען:

יא דער דין איז אז מען מוז קידוש מאכען דארט וואו מען עסט דס זענען ווייבער אויך חיב גלייך וויא מאנען:

יב דס וואס מען מוז שבת מאכען איין המוציא איבער צווייא חלות זענען ווייבער אויך חיב נאר זיי זענען יוצא מיט דעם וואס דר בעל הבית הט געמאכט איין המוציא. אז דער בעל הבית איז אבער ניט דא מוז זיא אליין מאכען איין המוציא איבער צוויי חלות. דעם דין ווייסען בוודאי ניט פיל ווייבער זיי ווייסען נאר אזעלכעס וואס זיי דארפען ניט דהיינו מיט דעם ברייטען סידור אין שול אריין צו גיין דעם גוטען אתרוג צו בענטשען מתים מלוה צו זיין דס איז נאר ביי דיא זייא דיא גרעסטע מצוה אונ דער אמת טאר זיא ניט גיין צו קיין לויה:

יג הבדלה טוהן נשים אויך הערין אונ יוצא זיין פון איין מאן וואס מאכט הבדלה זונסט טאר זי ניט קיין שום מלאכה טאהן . ווען זי קען אבר ניט ווארטען אויף דעם מאן זאל זיא אליין מאכן די ברכה המבדיל בין קודש לחול .

יד די בתולות וואס פלעכטען זיך אום שבת אדר זיי פלעכטען זיך אויף דיא צעפ אדר זיי צוואגן זיך מיט איין קאם איז בוודאי איין גרויסער חילול שבת זיי וועלן בוודאי גענעש ווערן :

טו עס איז דא אמייל שטעט ווס איז ניט דא קיין עירוב אדער וואו דער עירוב איז קאליע געווארן זאלן די ווייבר נזהר זיין אז זיי זאלן ניט לאזן זייערע קינדער שפאצירן גיין אונ טראגן אין דיא הענד פאטשיילעס דאס איז בוודאי איין עון גדול . אמייל טראגן נאך איין פאראסאל אדער איין זאנגעשערים אום שבת אונ מאכן אויף אונ צו אום שבת דס איז איין איסור גדול אפילו חוץ דעם טראגן אז מען טאר שבת ניט גיין מיט איין פאראסאל אונ מיט איין זאנגעשערעם :

טז גם געהער די בעלת הבית מזהיר צו זיין די דינסטען זיי זאלן ניט טראגן אום שבת וואו מען טאר ניט . די ערגסטע לייט ווס גייען שבת אין דיא הייזר אין די ערטער וויא קיין עירוב איז ניט דא טאר מען זייא ניט געבן קיין שום זאך דס איז די ערשטע משנה אין (מסכת שבת) אונ ווייניגסטען זאלן זיי זיך אליין נעמן :

יז גם זאלן די ווייבר נזהר זיין אז מען שטעלט אריין דס עסן אין דיא אייוועלניק וויא מען הייצט איין אום שבת זאל מען דס אריין שטעלן אידר מען הייצט איין אונ מען זאל אויך ניט אריין שטעלן אליין נייערט דורך איין נכרי :

יח גם זאלן זיי נזהר זיין אמאל איז גאר ניט קאלט זאגן אמייל מענשן איך וועל לאזן הייצן כדי דס עסן זאל זיך דער היצן איז בוודאי איין עבירה גדולה אזו וויא מען וואלט קאכן אום שבת :

יט גם זאל מען נזהר זיין ווען דר נכרי קומט איין הייצן אום שבת זאל מען אים ניט געבן אין דער האנט אריין די קינדליך דאס הצלין דיא לאפיטע דאס איז אלין מוקצה :

כ אמייל ווייבר ווס האבן קליינע קינדער אונ זיי רעכטן זיך איין פאר שוועכן זיי דס פארטוך אום שבת אדר אפילו אום יום טוב קוועטשן זיי אוס . חוץ דס איז איין עבירה גדולה . אפשר ווערן דורך דעם די קליינע קינדר געשעך געשטראפט :

כא מען טאר ניט זאלצן אום שבת קיין סאלאטן אדר רוהעאוגערקעס צו

שניטיגע כדי מען זאל אום קוועטשן דם וואסר דם איז איין חילול שבת :

כב מען זאל ניט קערן די שטוב מיט איין בעזים נאר דורך איין ניט ישראל מיט איין בארשט :

כג מען טאר ניט בעטן דם בעט שבת ביי טאג אוף מוצאי שבת :

כד די מצוה פון שלש סעודות אום שבת זענן ווייבער אויך חייב ווי איין מאן :

כה ווייבער זאלן זייער גזהר זיין אז זיי האפן איין כנה וואס הייסט פלוא טאר זי ניט הארגענן אום שבת אדר יום טוב אונ אז זי הרגת איז איין חילול שבת . אונ טאר אויך ניט אריין ווארפן אין וואסר איין וואנץ אונ קיין לעבעדיגע זאך נאר איין כנה מעג מען הארגענן :

כו מען זאל גזהר זיין מען זאל שבת ניט ארופ גיסן די הייסע יוך אוף צו ברעקלטי ברוט אוף מצות צו בראכנע זאלץ אוף ציבעלעם . אונ אפילו אז מען הט די יוך אין שיסל אריין גגאסן אונ די יוך ברית נאך טאר מען די אלע זאכן ניט אריין טאן ווארום זיי ווערן גקאכט אום שבת :

כז מען זאל גזהר זיין אונ מען זאל מזהיר זיין די קינדר אונ דיא דינסט מיידען זיי זאלן זיך ניט זייפען די הענט מיט זייף אום שבת אונ יום טוב . דם איז איין גרוסר חלול שבת אדר יום טוב . מיט טרוקענע קלייען מעג מען זיך די הענט יוא אפ רייבן :

כח ווען מען הט אוף גישטעלט מילך טאר מען שבת אדר יום טוב ניט אראפ נעמען די סמעטענע ביז צו די זויער מילך מען מוז אביסעל סמעטענע אויך לאזען מיט די זויער מילך :

דינים פון יום טוב

א מען מוז מזהיר זיין די ווייבר אטייל נעמן אונ צינדן אן אום יום טוב איין פייער מיט איין רייב העלציל דם איז איין גרוסר חילול יום טוב :

ב צו קאכן פון איין טאג יום טוב אוף דעם אנדערן טאר מען ניט . על כן זאלן די ווייבר גזהר זיין . אטייל לייגן אן איין פייער דעם ערשטען טאג יום טוב פר נאכט ח"ו דם איז איין עבירה :

ג ווען זיא וויל יום טוב פריא באקען אוף דעם אנדערן טאג אדר קאכן מוז זיא פרעגן איין שאלה וויא זיא זאל זיך נוהג זיין :

ד מען טאר ניט זיפן קיין מעל אום יום טוב . אז מען הט דם שון ערב יום טוב איין מאל גזיפט מעג מען יום טוב נאך אמאל זיפן :

ה גם זאלן די ווייבר גזהר זיין זייא לייגען אריין דאס האלץ אין אובן איין צו הייצן לייגן זיי פריער פון אונטען דער נאך פון אובן אונ מאכען

אזו וויא אנגבויידע כדי זיי זאלן נאר ארונטער רוקן איין קינדעל דאס זאל ברענן איבר דעם גאנצן אובן . יום טוב טאר מען אזו ניט מאכן עס הייסט גלייך וויא מען בעט יום טוב אבגן :

ו אוך דארפן די ווייבר נזהר צו זיין ווען זייא נעמן חלה אום יום טוב טאר מען ניט די חלה תיכף פר ברענן :

דיני מגלה

דער חיוב איז די מגלה צו לייענן ביי נאכט אונ ווידר דם אנדרע מאל אין דר פריא . דער חיוב איז אוף זכרים אונ נקבות גלייך . דם מיידעל ווס איז אלט צוועלף יאר מיט איין טאג איז איין בת עונשין אונ איז מחויב דיא מגלה צו לייענן אדער צו הערן לייענן . דא זאל מען זעהן וויא דר יצר הרע לייגט זיך אוף איין מצוה . וויל די מצוה פון קריאת מגילה איז איין חיוב גדול ביי נאכט אונ ביי טאג נאך איין מאל אונ על פי רוב גייען די ווייבר ניט צו דר מגילה נאר איין מאל . אונ קיין מיידעל פאלט גאר ניט איין אז זי מוז הערן די מגלה לייענן אפילו איין מאל ניט אונ זעלכע מצות ווס זיי זענען גאר ניט מחויב דהיינו אתרוג בענטשן ווערט נאך קיין שום ערליך יודיש מיידעל ניט עסן קיין טאג פון אלע טעג סוכות אן אתרוג גבענטשט . אונ דער אמת איז זיא איז גאר ניט חיב אתרוג צו בענטשן נאר דיא ווייבר האבן אוף זיך דיא מצוה אוך מקבל גווען . דאס גלייכן שופר זאל איין יודינע פר זאמן צו הערן מיינט זיא זיא איז אום גליקליך אונ ווערט שון דעם יאר ניט גוט האבן . אונ דער אמת איז זיא גאר ניט מחויב . אונ מגילה ווס זיא איז יוא מחויב וויל זי גאר ניט גיין . זיא גייט קאם איין מאל . דם גלייכן איז דא פיל אזעלכע זאכן . זעהט מען אז דאס איז מעשה שטן . על כן זאל איטליכע אשה לייענען די דינים וואס צו איר גהער אונ זאל פרעגן ווס צו איר גהער אונ זאל מקים זיין . זי איז אוך גבאטן גווארן אירע מצות אזו וויא איין מאן זיינע זי הט אוך שכר ועונש . אז זיא איז מקים ווי די תורה הייסט ווערט זיא זיין אפ גהיט פון שלעכטעס אונ קען האבן שכר וויא דער גרעסטער צדיק בעולם הזה ובעולם הבא :

דיני צדקה

א צדקה טאר איין יודענע ניט געבן אז זיא האט איין מאן נאר אזו פיל אז זיא וויים דר מאן ווערט איר דם ניט שטערן :

חובת נשים

דיני תלמוד תורה

א איין אשה איז פטור פון צו לערנען תורה. אבר די דינים וואס אן איר געהערן איז זיא מחויב צו לערנען גלייך וויא איין מאנס פארשון:

ב פיל נשים בעטן די מאנן אז זיי זאלן זיי געבן די האנד. אז זייא געבן זיי האלב שכר פון זייער לערנען. אמאל אז דער מאן וויל דם ניט טאן ווערט דר פון די גרעסטע מחלוקת אונ שנאה צווישן מאן אונ ווייב. דאס איז אבר אגרויסע נארישקייט. די אשה מוז וויסן אז עם שטייט מפורש אין שלחן ערוך יורה דעה (סימן רמ״ו סעיף ו׳ בהג״ה) אז דיא אשה ווס איז צו הילף איר מאן אונ אירע קינדער זייא זאלן קענען זיצן אונ לערנן טיילט זיא זיך מיט זייער שכר. דרום וואס דארף זיא זיין תקיעת כף האבען. וויא באלד דער דין איז אזו. קען ער געבן דיא האנד אדער ניט איז אלץ די זעלביגע. שטערט זיא אים פון לערנען וועט זיא גווים פיל גיהנם האבן אונ קיין שכר גאר ניט אפילו ער הט איר די האנד גיגעבן. ברענגט זי דר צו אז ער זאל זיצן אונ לערנען. האט זיא האלב פון שכר ווען אפילו ער הט איר דיא האנד ניט גגעבן. דיא האנד נוצט איר גאר נישט. דאס מאכט איר גאר ניט בעסר. דעריבר זאלן אלע פרומע ווייבער זעהן צו שטיצן אונ צו ברענגען דעם מאן אז ער זאל קענן זיצען אונ לערנען קען זיא זיכר זיין אז זיא וועט האבן עולם הבא גלייך מיט אים. אונ זיא דארף זיין האנד גאר ניט האבן. דר דין פון שלחן ערוך אליין איז גאנץ גנוג:

הזהירות בדבור

א דיא הייליגע גמרא זאגט צעהן מאס רייד איז אראפ אויף דער וועלט. ניין מאס האבן ווייבר גנומען. אונ איין מאס אויף די גאנצע וועלט. דעריבר וייל ווייבר האבן יוא אזו פיל רייד מוז מען זייא מזהיר זיין פון ווס זייא זאלן נזהר זיין. ווייל שלעכטע רייד קען חס ושלום צו שלעכטס ברענגן. וויא אין פסוק שטייט (והחיים והמות ביד הלשון) דס איז טייטש דס לעבן אונ דער טוט איז אין דער צונג. אויך שטייט (שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו) דאס איז טייטש דר ווס היט זיין מול אונ זיין צונג היט זיין נפש פון צרות:

ב יעדע אשה זאל זעהן אז איר ריידן זאל ברענגען נוצען. אוב זיא האט אגישעפט זאל זי אין גשעפט ריידן. אדער שלום מאכן צווישן אנדערע:

ג זיא זאל נזהר זיין פון ליגן. אפילו דער ליגן קען איר נוצן ברענגן אין איר געשעפט טאר זיא אויך ניט. ווארום דער איסור פון ליגן זאגן איז זייער

גרוס אזו וויא מען וואלט דינן עבודת גלולים אונ אז מען שטארבט איז מען ניט זוכה מקבל צו זיין פני השכינה:

ד דעריבר מוז מען נזהר זיין ניט צו צו זאגן קיינעם קיין זאך טאמער וועט מען ניט קענן מקיים זיין. וועט מען חלילה איין ליגנער זיין:

ה מען זאל נזהר זיין פון שווערן אפילו אוף איין אמת כדי מען זאל זיך ניט גוויינען אין שבועות. אין דעם זענען זיך אלע ווייבער אונ עמי הארץ טועה. זייא מיינען אז דיא שבועה וואס מען טאר ניט. איז נאר אין שול ביי איין ספר תורה. אבר אין דער היים איז גאר קיין שבועה ניט. דאס איז איין טעות. אשבועה איז אלץ גלייך. ובפרט וויא מען איז נאך גוואנט צו שווערן. ווי איך בין איין יוד אדר ווי איך בין איין יודענע דס איז איין גרוסר איסור. ווארום דער מיט נעמן זיי די הייליגע אמונה אריין אין דר שבועה. אונ עס איז גלייך וויא זיי וואלטן שווערן מיט דעם נאמן פון גאט ברוך הוא. אונ איר ברוכט צו וויסן אז דער עון איז מאריך דעם גלות אונ משיח צדקנו קען דריבר ניט קומן:

ו די קלענסטע זאך איז ביי זיי צו שווערן מיט זייער גזונד. אבר זייא מוזן וויסן אז דריבר קומן אלע קראנקייטן אוף זיי אונ אוף זייערי קינדרלך אונ ווער עס איז נזהר פון שבועות היט אים גאט ברוך הוא פון בייז:

ז מען זאל נזהר זיין פון קללות. ניט צו שעלטן דעם מאן אוך ניט דיא קינדרלעך אוך ניט קיין דינסט. דער בעל קיין קללה פון מול ניט ארוס צו לאזן אפילו אוף איין פרעמדן אונ אפילו איין ניט ישראל טאר מען אוך ניט שעלטן. ווארום אין דער שטוב וויא עס איז איין קללה קען דארטן קיין ברכה ניט קומן. דיא קללות ברענגן צו בעס אונ צו אלע שלעכטע מדות. פיל ווייבר האבן איין תירוץ די קינדער ערגערין זיי מוזן זיי שעלטן. אזוי נארישע ווייבר. צו דעם ערגערנים קען העלפן איין רוט אדר איין שמעקן. נאר צו איין דינסט אוב זיא איז שלעכט. איר אפ צו שאפן אבר ווער וועט אייך העלפן אז חס ושלום דיא קללה וועט אן קומן. אפילו די מלאכי רחמים וועלן אוף אייך קיין רחמנות ניט האבן וויל איר הט דיא קללה פון מול ארוס גלאזן. דריבר זייט נזהר פון קללות וועט צו אייך ברכות קומן:

ח מען זאל נזהר זיין פון רכילות. דאס הייסט אוב איינער האט גרעט אוף דעם אנדערן בייז טאר מען ניט דער ציילן דעם אנדערן וואס ער האט אוף אים גרעט. ווער עס דער ציילט יוא איז גלייך וויא ער וואלט הארגענן דרייא מענשן. זיך. אונ דעם וואס האט דער ציילט. אונ

דֶעם וָוס מֶען הָט אוֹף אִים דֶער צֵיילְט . אוּנ אַז מֶען שְׁטַארְבְּט אִיז מֶען נִיט זוֹכֶה מְקַבֵּל צוּ זַיין דֶעם פָּנִים פוּן דֶער שְׁכִינָה :

ט אִין דֶעם כְּלָל פוּן רְכִילוּת אִיז אוֹךְ מֶען זָאל קֵיינֶעמְס סוֹד נִיט מְגַלֶה זַיין . חוּץ אַז אֵיינֶר וִויל דֶעם אַנְדֶערֶן שְׁלֶעכְץ טָאן . אִיז אֵיין מִצְוָה אִים צוּ זָאגֶן אַז עֶר זָאל זִיךְ הִיטֶן פוּן אִים :

י מֶען זָאל נִזְהָר זַיין פוּן לָשׁוֹן הָרָע . אֵיינֶע אוֹף דִיא אַנְדֶערֶע קֵיין בֵּייז נִיט רֵיידֶן . אֲפִילוּ עֶס אִיז אֱמֶת וָוס זִיא זָאגְט טָאר מֶען אוֹךְ נִיט אָבֶּער וֶוען דָס אִיז אֵיין לִיגֶן אוֹךְ . אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן שֶׁקֶר אוֹךְ דֶר צוּ דָא . דִי עֲבֵירָה פוּן לָשׁוֹן הָרָע אִיז זֵייעֶר גְרוֹס . גְלֵייךְ וִויא מֶען וָואלְט גְרִינְט עֲבוֹדַת גִלוּלִים . אוּנ מְגַלֶה עֲרָיוֹת גִוֶועֶן . אוּנ אוֹךְ וִויא מֶען וָואלְט גְטֵייט אֵיין מֶענְטְשֶׁען . אוּנ מֶען פַאר לִירְט עוֹלָם הַבָּא חָלִילָה :

יא דֶער וָוס נֶעמְט צוּ לָשׁוֹן הָרָע אָדֶר רְכִילוּת וָוס אֵיינֶר דֶר צֵיילְט אוֹף דֶעם אַנְדֶערֶן פַר אִים הָט אוֹךְ אֵיין עֲבֵירָה אַזוֹ גוּט וִויא דֶער וָואס דֶער צֵיילְט . דְרִיבֶּר פַר זָאגְט אוּנְז דִיא הֵיילִיגֶע גְמָרָא אַז וֶוען אֵיין מֶענְשׁ זֶעהְט אַז יֶענֶער וִויל פַר אִים דֶער צֵיילֶן לָשׁוֹן הָרָע אָדֶער רְכִילוּת אָדֶער דְבָרִים בְּטֵלִים זָאל עֶר בַּאלְד אַרֵיין שְׁטֶעקֶן דֶעם פִינְגֶער אִין אוֹעֶר כְּדֵי עֶר זָאל דָס נִיט הֶערְן . וָוארוּם דִי אוֹעֶרן וָואס הֶערְן דִיא אַלֶע זַאכֶן וֶוערֶן פְרִיעֶר פַר בְּרֶענְט וִויא אַלֶע גְלִידֶר . דָאס הֵייסְט זֵיי שַׁאט דָס הֶערֶן פוּן דִי דָאזִיגֶע זַאכֶן פְרִיעֶר וִויא עֶס וֶועט נָאךְ שַׁאדֶן דִי אַנְדֶערֶע גְלִידֶר . דִי גְמָרָא הַקְדוֹשָׁה זָאגְט אַז דֶר וָוס דֶער צֵיילְט לָשׁוֹן הָרָע אָדֶר עֶר הֶערְט צוּ פוּן דֶעם וָואס דֶר צֵיילְט אִיז וֶוערְט דָס מֶען זָאל אִים אַרוֹס וַוארְפֶן פַאר הִינְד . דְרִיבֶּער זָאל זֶעהְן יֶעדֶערֶער נִזְהָר צוּ זַיין פוּן דִי אַלֶע זַאכֶן וָוארוּם דֶער וָואס אִיז נִזְהָר דֶר פוּן אִיז זַיין שְׂכַר זֵייעֶר גְרוֹס . אוּנ עֶר וֶועט נִיצוֹל וֶוערֶן פוּן גֵיהִנָם :

יב מֶען זָאל זִיךְ הִיטֶן פוּן מַחֲלוֹקֶת . זִיךְ נִיט צוּ קְרִיגֶען אֵיינֶר מִיט דֶעם אַנְדֶערֶן . וָוארוּם דִיא עֲבֵירָה פוּן מַחֲלוֹקֶת אִיז זֵייעֶר גְרוֹס . אוּנ פוּן מַחֲלוֹקֶת קוּמְט אַרוֹס אוּמְזִיסְטֶע שִׂנְאָה (שנאת חנם) דָס מֶען הָאט פֵיינְד אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶרֶן אוּנ עֶס אִיז גָאר קֵיין יְסוֹד נִיט דָא צוּ דִי פֵיינְדְשַׁאפְט . אוּנ אִיבֶּר דִי עֲבֵירָה אִיז חָרוּב גִוָוארֶן דֶער צְווֵייטֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ . דֶר פוּן זֶעהְט מֶען וִויא גְרוֹס דִי עֲבֵירָה אִיז . אוּנ דֶר שְׂכַר פוּן דִיא וָוס הַאלְטֶן זִיךְ אֵיין בְּשַׁעַת מַחֲלוֹקֶת אוּנ פַר מַאכֶן דָס מוֹל אוּנ עֶנְפֶערֶן נִיט . אִיז זֵייעֶר גְרוֹס . אוּנ אוֹף דֶעם זְכוּת פוּן דֶעם דָאזִיגֶן מֶענְשֶׁן וֶוערְט מְקוּיָם דִי וֶועלְט . דְרִיבֶּער זָאל מֶען זֶעהְן זִיךְ צוּ דֶר וַוייטֶערֶן פוּן שִׂנְאָה אוּנ פוּן מַחֲלוֹקֶת . אוּנ אוֹב אֵיינֶר הָט דֶעם אַנְדֶערֶן נִיט נוֹהֵג כָּבוֹד גִוֶועןְ אָדֶר עֶר הָט אִים גִזִידֶלְט אוּנ עֶר

בעט

בעט אים איבר זאל ער אים באלד מוחל זיין און זיך ניט לאזן לאנג בעטן. יעדר מענש מוז וויסן אז יעדערער פון אונז זינדיגט קעגן הקב"ה מער ווי איין מענש קייגן איין מענש און גאט ב"ה איז אונז מוחל אז מיר טוען תשובה. אפשיטא איין מענש קעגן איין מענשן דארף גווים מוחל זיין. יעדר מענש מוז דאך באטראכטן אז דיא גאנצע שנאה און מחלוקת וואס צווישן מענטשן קומט איז נאר ריינע נארישקייט. מען מוז דאך באטראכטן אז כבוד אויף די דאזיגע וועלט איז גאר נישט. און דער ריכטיגער כבוד איז נאר אויף יענער וועלט. און אוב די מחלוקת אדער דיא שנאה איז איבר געלד זאכן. מוז מען דאך וויסן אז דאס איז אויך נארישקייט. דר מענש נעמט דאך זיין געלט ניט מיט אויף יענער וועלט. און וואס אים איז באשערט צו האבן פון גאט ברוך הוא קען קיינער פון אים ניט אוועק נעמען. און וואס קען נוצן די שנאה און מחלוקת אוב עס איז חס ושלום ניט באשערט פון גאט ברוך הוא. דריבער זאל מען זעהן דם עס זאל נאר שלום זיין און איינער דעם אנדערן מוחל צו זיין אז ער בעט אים איבר. און בשכר זה וועט גאט ברוך הוא אים מוחל זיין אויף אלע זיינע עונות וויא אין דער גמרא הקדושה שטייט:

יג ווייבר וואס זאגן תחנות און בקשות וויא פר זיי געשטעלט איז. איז זייער גוט און שיין. אבר זיי מוזן נזהר זיין די תחנות צו זאגן מיט איין ריינע מחשבה. און ניט צו פיל. עס איז בעסר אביסיל מיט ריינע גדאנקן איידר פיל אן ריינע גדאנקן חלילה. מען מוז באטראכטן וויא מען בעט ביי איין מלך אזו זאל מען בעטן ביי מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. בייא איין מלך בעט מען מיט כבוד און מורא און קורץ און ניט צו פיל גרעט. און אן גשריי. אזו זאל מען אויך בעטן פון גאט ברוך הוא. דער הויך שרייען בשעת מען איז מתפלל אין שול איז איין גרוסע עבירה איבער פיל טעמים. דער ערשטער טעם איז וויל דאס שרייען איז איין חילול השם עס ווייזט אום אז גאט ברוך הוא הערט ניט חלילה ווען מען איז צו אים מתפלל אין דר שטיל. אזו וויא אליהו הנביא האט גלאכט פון די נביאים וואס האבן גדינט צו דיא געצן און האט גזאגט צו זיי שרייט מיט איין גרוסן קול טאמער שלאפט דער געץ וועט ער פון אייער קול זיך אויף וועקן. אבר מיר האבן איין כלל וויא אין פסוק שטייט (הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל) דם איז טייטש ער שלומט ניט און שלאפט ניט גאט ברוך הוא דר היטר פון ישראל. גאט ברוך הוא וויס דיא גדאנקן פון מענשן און הערט צו דיא גבעט פון דיא וואס בעטן אים מיט איין צו

חובת נשים

בראבענע הארץ אפילו ווען זייא בעטן אים גאנץ אין דער שטיל. דער צווייטער טעם איז וויל אז מען איז מתפלל אין דר שטיל קען מען האבן גוטע גדאנקען צו מכוון זיין אין דער תפלה. אבער אז מען שרייט ווערן די גדאנקען צו מישט. מיר זעהן וויא די הייליגע חנה הט מתפלל גוועזן האבן זיך נאר אירע ליפן גשאקלט אונ איר קול איז ניט גוועזן צו הערן. אונ דריבר הט זי געקענט גוט מכוון צו זיין אין איר תפלה אונ פאר וועמען זי איז מתפלל. דר פר הט זיא זוכה גוועזן אז עס זאל פון איר ארוס קומען שמואל הנביא. דער דריטער טעם איז. וויל אז זייא שרייען אין דער ווייבערשע שול פון ראש חודש בענטשן אדער ימים נוראים צום ארוס נעמן די ספרי תורות. הערט מען דאס קול אין דער שול פון די מאנס לייט. אונ זיי צו מישן די גדאנקן פון די מאנס לייט אונ זייא קענן ניט הערן לייענן אויך ניט מתפלל צו זיין מיט כוונה. אונ די עבירה איז אויף די ווייבר וואס זענן דס גורם. אונ דר פר ווערט חלילה זייער תפלה ניט אן גנומן פר הקב"ה. דריבר זאלן די ווייבר זייער נזהר זיין צו דאווענן אונ צו לייענן די תחנות גאנץ אין דר שטיל. ווערט גוויס זייער תפלה אונ תחנה מקובל ווערן. אונ זיי וועלן זוכה זיין גוטס צו האבן:

יד די ווייבר וואס גייען שבת אונ יום טוב אין שול. זאלן נזהר זיין ניט צו פיל רעדן אייגע מיט די אנדרע אין מקום קדוש. זיי זאלן זיך גוט איבר לייגן פר וועמן זיי שטייען. פאר גאט ברוך הוא דער קיניג איבער אלע קיניגן. וואס דס לעבן אונ דר טוט. דס רייכקייט אונ דס ארימקייט. דס גזונד אונ די קראנקייט פון מענשן איז אין זיין האנד. מען מוז זיך פאר שטעלן אז מען וואלט גשטאנען פר איין קייסר וואלט מען דאך גוויס קיין אנדר מחשבה ניט גהאט נאר צו בעטן וואס מען דארף קל וחומר פאר גאט ברוך הוא. אבר בעונותינו הרבים פיל ווייבר גייען אין שול נאר צו ווייזן זייער גוטען גראבן קרבן מנחה סידור אונ דעם שיינן צאינה וראינה אונ דעם טייערן מחזור אונ זייערע שיינע קליידר אונ טייערע תכשיטין. אונ צו פיל רעדן פון נארישקייט. פון קאכן אונ בראטן. וויא דר קוגל אונ דר טשאלינט איז גראטן דאס איז אלץ מעשה שטן. מיר פרעגן דיא ווייבער זיי זאלן אליין זאגן אוב עס דארף אזו זיין. איז אזו גוט אונ שיין. וואס וועט מען דרויף ענטפערין נאך הונדערט יאר פר דעם כסא הכבוד. אוי וויי וואס פר איין חרפה אונ בושה ווערט זיי פר דעקען. אונ זיי וועלן ארוס גיטריבן ווערן פון די מחיצה פון נשים צדקניות אונ וועלן אריין גווארפן ווערן אין טיפן גיהנם. דס איז זיי. אבר אונז. וי זי. דס איז מאריך דעם גלות אונ

אונזרע

אונזערע תפלה קענן ניט נתקבל ווערן. ווייבר. ווייבר. גידענקט אז צו ליב דעם זכות פון נשים צדקניות זענן מיר פון מצרים אוס געלייזט געווארן. אונ צו ליב דעם זכות קען יעצט אויך די גאולה קומען. דריבער טייערע ווייבר היט אייער מול פון בייז. אז איר זענט אין שול זאלן זיין אייערע גדאנקען נאר מתפלל צו זיין מיט כונה. אונ עס זאל אייך גאר ניט קימערן וואס איר קענט ניט אוס לייענען אלע אייערע תחנות. איר מוזט וויסן אז איין תחנה גאר אין דער שטיל מיט ריינע גדאנקען אונ איין גוטע כונה איז אויך גנוג. אונ פיל תחנות מיט שרייען וום פר דארבט דיא כונה ווערט ניט אן גנומן. אונ מען האט נאך דר פר איין גרויסע עבירה. זייט זייער נזהר פון שנאת חנם אונ היט אייך זייער אפ פון מחלוקת אונ רעט ניט קיין רכילות אונ קיין לשון הרע. היט זיך פון שבועות אונ קללות. יעדער אשה זאל זעהן עס זאל זיין שלום ביא איר אין שטוב. וועט גווים בזכות דעם דיא גאולה קומען. אונ איר וועט זוכה זיין צו זיין חברות צו אונזערי מוטערס שרה רבקה רחל לאה אונ צו אלע נשים נביאות וואס זענן געווען אונ מיר וועלן זוכה זיין ביאת משיח צדקנו במהרה בימינו. אמן:

תם ונשלם

לוח המפתחות לחלק ראשון

דא האבען מיר גישטעלט איין לוח המפתחות כדי מען זאל קענען איטליכען דין גישווינדר געפינען:

פרק ראשון

כלל א מצות וואס האבן איין גישטעלטע צייט זענן ווייבער פטור:

כלל ב פון ציצית אונ תפילין זענן זיי פטור:

כלל ג פון הערין שופר בלאזן, פון זיצען אין סוכה, פון בענטשן אתרוג זענן זייא פטור:

כלל ד קידוש אונ הבדלה אונ צו עסין דריי סעודות אום שבת זענן זייא חייב:

כלל ה ווי זענן חייב אלע טאג צו דאווענען:

פרק שני

כלל א די דינים פון פסח איז גלייך פאר ווייבער וויא פאר מאנסלייט:

כלל ב אין שמחת יום טוב זענען ווייבער אויך חייב:

כלל ג וויא איז מען מקיים דיא מצוה פון שמחת יום טוב:

פרק שלישי

כלל א אויב ווייבר זענן חייב צו ציילן ספירה:

לוח המפתחות

כלל ב דינים פון שבועות :

פרק רביעי

כלל א דינים פון תשעה באב י"ז בתמוז. צום גדליהו. אונ עשרה בטבת :
כלל ב דינים פון אסתר תענית :
כלל ג דינים פון דיא נייז טעג :
כלל ד ווער עס מעג זיך וואשן אין נייז טעג :
כלל ה איין אשה וואס איר קומט אוים איר ליל טבילה ערב תשעה באב אוף דער נאכט :

פרק חמישי

כלל א דינים פון ראש השנה :
כלל ב דינים פון ערב יום כפור :
כלל ג דינים פון כפרות שלאגען :
כלל ד מען דארף זיך טובל זיין אום ערב יום כפור :
כלל ה דינים פון די ליכט וואס מען מאכט לכבוד יום כפור :
כלל ו ווייבער דארפן זיך ניט אן טאן אין ווייסען אום יום כפור :
כלל ז מען טאר זיך ניט וואשען אום יום כפור :
כלל ח איין אשה טאר זיך ניט טובל זיין אום יום כפור :
כלל ט מען טאר ניט קיין שיך טראגן אום יום כפור :
כלל י תשמיש המטה איז אסור אום יום כפור :
כלל יא דעם שיעור פון פאסטען פאר קלייגע קינדער :
כלל יב איין אשה מעוברת אונ דיא וואס זייגט איין קינד מוזען פאסטען. אונ וויא מען זאל זיך נוהג זיין מיט איין אשה מעוברת וואס עס האט זיך איר פאר שמעקט עסין :
כלל יג דינים וויא מען זאל געבען עסין איין יולדת :

פרק ששי

כלל א דינים פון סוכה :
כלל ב קלייגע יונגליך מוזען זיצען אין סוכה :

פרק שביעי

כלל א ווייבער זענען מחויב אן צו צינדען חנוכה ליכט :
כלל ב ווייבער זאלען ניט טאן קיין ארבעט אזו לאנג וויא חנוכה ליכט ברענען :
כלל ג מען מאר ניט האבן קיין נוטצען פון דיא חנוכה ליכט :
כלל ד דינים פון חנוכה ליכט אום ערב שבת :

פרק שמיני

כלל א ווייבער זענען חייב צו הערין דיא מגלה לייענען :
כלל ב וויא זיי זאלען איין ברכה מאכן :
כלל ג דיא מגלה מוז מען לייענען דוקא אויף לשון קודש :
כלל ד זכרים וואס זייא האבען שון גיהערט לייענען קענען זייא לייענען נאך איין מאל פר ווייבר אונ וויא מען זאל זיך נוהג זיין מיט דיא ברכות :
כלל ה דינים פון מחצית השקל :
כלל ו דינים פון משלוח מנות ומתנות לאביונים :

פרק תשיעי

כלל א ווייבער טארן ניט דיא לבנה מקדש זיין :

פרק עשירי

כלל א ווייבער זענען פטור פון הלל זאגען :
כלל ב ווייבער טוען קיין מלאכה ניט אום ראש חודש :

פרק אחד עשר

כלל א דיא מצות וואס האבען ניט קיין גישטעלטע צייט מוזען ווייבער זייא מקיים זיין אזו גיט וויא מאנסלייט :
כלל ב ווייבער זענען חייב אין מצות מזוזה :
כלל ג ווייבער זענען חייב אין מצות צדקה :

פרק שנים עשר

כלל א איין נקבה מוז אויך האלטין איר נדר. נאר ווען זיא האט איין פאטער אדער איין מאן קענען זייא איר פאר שטערן:

כלל ב וויא קענען נאר פאר שטערן אין דעם וועלביגען טאג:

כלל ג דער שיעור פון דעם טאג:

כלל ד וואס פר איין נדרים קענן זייא פאר שטערן:

כלל ה אויף וואס איין אשה קען נים מאן איין נדר:

פרק שלשה עשר

כלל א איין אשה איז מחויב אף צו געבין כבוד אונ מורא האבין פאר פאטער אונ מוטער:

פרק ארבעה עשר

כלל א ווייבער זיינען מחויב צו לערנען זייערע דינים:

כלל ב אז איין אשה לערינט תורה נביאים אונ כתובים האט זיא עולם הבא דער פאר:

כלל ג איין אשה איז נים מחויב צו דינגען איין מלמד פאר אירע יונגלעך:

פרק חמשה עשר

כלל א איין אשה איז נים חייב אין פריה ורביה:

פרק ששה עשר

כלל א דיא מצוה פון מל זיין דעם זון איז נאר אויף דעם פאטער:

פרק שבעה עשר

כלל א איין אשה איז נים מחויב אויס צו לייזן איר זון וואס איז איין בכור:

פרק שמונה עשר

כלל א איין אלע מצות לא תעשה זענען ווייבער אויך מחויב:

כלל ב זייא טארן נים טאן קיין מלאכה אום שבת:

כלל ג זייא טארן נים עסין קיין חמץ אום פסח. אונ מוזן בודק חמץ זיין:

כלל ד זייא מוזן עסין מצה:

כלל ה זייא מוזן טרינקען פיר כוסות אונ עסין מרור צום סדר:

כלל ו זייא טארן נים טאן קיין ארבעט אום יום טוב:

כלל ז דינים פון האלץ האקען א"ג יום טוב:

כלל ח זאלץ פעפער זענעפט וויא מען זאל שטויסן אום יום טוב:

כלל ט מען טאר נים שארפען איין מעסר אום יום טוב:

כלל י מען טאר נים טובל זיין כלים אום יום טוב:

כלל יא מען טאר נים מאכן קעז אונ פוטער אום יום טוב:

כלל יב מען טאר ניםווארעמען וואסער זיך צו וואשען:

כלל יג מען טאר נים שיטען בשמים אויף קוילן:

כלל יד מען טאר נים פר לעשן פייער:

כלל טו מען טאר נים אן צינדען איין ליכט וואס מען דארף נים:

כלל טז די ברכה פון ליכט אן צינדען:

פרק תשעה עשר

כלל א חול המועד איז גרינגער פאר יום טוב:

כלל ב וואשען גרעט טאר מען ניט אום חול המועד :
כלל ג ווער מעג וואשען אום חול המועד :
כלל ד אזעלכע זאכין וואס מען דארף אויף יום טוב מעג מען אפ נעמען פון בעל מלאכה :
כלל ה נאלן אדר שערן טאר מען ניט אום חול המועד :

פרק עשרים

כלל א דער פארבאט פון פאלש עדות זאגען בייא ווייבער :
כלל ב מען זאל זיך היטען פון פיל עסין אונ טרינקען :
כלל ג אין אשה כהנת מעג זיך מטמא זיין צו מתים :
כלל ד אויף שערן די פיאות אונ גאלן דיא בארד זענען ווייבער ניט פאר באט :
כלל ה איין אשה טאר ניט אן טאן איין קלייד פון איין מאנספארשויין :
כלל ו אויב איין אשה מעג גיין מיט איין שטעקיל אין גאס :

פרק אחד ועשרים

כלל א איין מכשפה אדער איין מכשף טאר מען ניט לאזן לעבען :
כלל ב מען טאר ניט פארן צו איין טאטער אדער קארטן אוים ווארפן :
כלל ג מען טאר ניט גלייבען אין איין ניחוש :
כלל ד וואס נאך מען טאר ניט גלייבען :
כלל ה מען טאר ניט אפ שפרעכען איין עין הרע :
כלל ו דער טאטער אונ דיא עין הרע אפ שפרעכען העלפט גאר נישט :
כלל ז דיא להשים וואס אין דער הייליגע גמרא שטייט זענען געווים גוט :
כלל ח מען מוז נאר אין גאט ברוך הוא אליין גלייבען :

פרק שנים ועשרים

כלל א אויף דריי מצות מוז מען זיך לאזען הרגינען אונ ניט עובר זיין :
כלל ב בפרהסיא איז דיא זעלביגע אויך בייא אנדערע מצות :
כלל ג בשעת השמד איז דיא זעלביגע אויך אויף איין יודישען מנהג :
כלל ד אויב מען מעג זיך מוסר נפש זיין אויף איין מצות עשה :
כלל ה צו איין אשה דארף זיך לאזען הרגינען אויף דעם איסור פון זנות:

לוח המפתחות לחלק שני

הקדמה להלכות נדה . וויא גרויס דיא זאכען זענען וואס מען דארף זיך דער ווייטערן פון איין אשה נדה :

הלכות נדה

סימן א דינים אז דער מאן מוז זיך אפ שיידן פון זיין ווייב נאהנט צו דער צייט פון דער וסת :
סימן ב די אשה וואס האט ניט קיין גיזעצטע צייט וויא זיא זאל זיך נוהג זיין :
סימן ג ווען איר צייט קומט אונ זיא פילט

ניט אז עס גייט פון איר וויא זיא זאל זיך נוהג זיין :
סימן ד ווען דער מאן דארף גיין אין וועג אריין נאהנט צו דער צייט פון איר ווסת :
סימן ה ווען דיא אשה איז באגלייבט אונ ווען זיא איז ניט באגלייבט :
סימן ו ווען איין אשה איז טמא געווארען בשעת ווען דער מאן איז בייא איר :
סימן ז ווען איין אשה זעהט דם דרייא מאל ווען דער מאן איז בייא איר וויא זיא זאל זיך נוהג זיין. אונ אויך דינים פון קביעות ווסת :
סימן ח ווען איין אשה שפירט אז עס איז גיעפינט געווארען דער מקור אונ זעהט ניט קיין דם :
סימן ט איין כלה פאר דער חתונה וויא זיא זאל זיך נוהג זיין :
סימן י דינים פון דם בתולים :
סימן יא די דינים אונ דער מנהג פון איין יולדת :
סימן יב אלע דינים אונ פרישות וויא דער מאן מוז זיך אפ היטן פון זיין ווייב ווען זיא איז ניט ריין :
סימן יג וויא אזוי דיא אשה זאל זיך נוהג זיין מיט דאווענען אונ מיט שול גיין ווען זיא איז ניט טהור :
סימן יד פון דעם אפ ציהען ווען דאס אפ ציהען זאל זיין :
סימן טו וויא אזו דאס אפ ציהען זאל זיין אונ וואס עס הייסט אפ ציהען :
סימן טז פון דיא שבעה נקיים אונ פון דיא בדיקות וויא אזו זייא זאלן זיין :
סימן יז פון דיני טבילה ווען זיא זאל זיך טובל זיין אונ וויא זיא זאל זיך טובל זיין אונ אלע דיני טבילה אונ חפיפה :
סימן יח דיני טבילה עס זאל ניט זיין קיין חציצה איין שום זאך אן גיקלעפט אויף דעם לייב אויף דיא נעגיל אונ אלע דיני חציצה אז דאס וואסער פון דער מקוה מוז זיין אויף דעם לייב עס זאל אויף דעם לייב קיין אום ריינקייט ניט זיין. אונ וויא אזו זיא זאל זיך נוהג זיין מיט דער ברכה:
סימן יט דינים פון דער חפיפה אונ פון דעם באדן פאר דער טבילה :
קדושת החבור, וויא דער מאן אונ דאס ווייב דארפען הייליגע מחשבות האבען בשעת זייא זייגען צוא זאמען :
דיני איסור יחוד. אלע דינים וואס מען דארף נזהר זיין דאס איין נקבה זאל ניט זיין מיט איין פרעמדן זכר אהן איין שומר אויך אז זכרים מוזען זיך זייער דער ווייטערן פון פרעמדע נקבות. אויך וויא איין אשה בשעת זיא איז טהור דארף זיך נוהג זיין פר איר מאן מיט אירע פאר דעקטע ערטער :
דיני מליחה. דינים פון פלייש זאלצען אויך וויא מען זאלצט פיל אנדערע זאכען :
דיני תולעים. דינים פון פיל זאכען וואס מען דארף נזהר צו זיין פון ווערים אונ מילבן :
דיני חלה. דער שיעור פון חלה אונ וויא מען זאל חלה נעמן אונ אויך אנדערע פיל דינים דער צו :
דיני נטילת ידים. דינים פון וואשן דיא הענד :
דיני תפלה. איין אשה איז אויך מחויב צו דאווענען נאר זיא דארף ניט גיין אין שול :
דינים פון שבת. דינים פון ליכט אן צינדען לכבוד שבת :
דיני יום טוב. פיל זאכען וואס מען מוז נזהר זיין אום יום טוב :
דיני מגלה. דברי מוסר דאס איין נקבה מוז אויך הערין דיא מגלה לייענען צווייא מאל :
דיני צדקה. איין אשה טאר קיין צדקה ניט געבען אהן איר מאנס וויסען :
דיני תלמוד תורה. איין אשה איז חייב צו לערנען דיא אלע דינים וואס אן איר נידהגר. אונ איין אשה וואס איז צו הילף אז איר מאן אונ קינדער זאלען זיצען אונ לערנען נעמט זיא האלב שכר פון זייא. אונ ווען זיא שטערט זייא איז איר עונש זייער גרויס :

לוח המפתחות

הזהירות בדיבור. וויא מען דארף דיא מויל היטען. מען זאל קיין ליגען ניט זאגען, מען זאל נזהר זיין פון שבועות. פון קללות פון רכילות פון לשון הרע פון שנאת חנם אונ מחלוקת. פון צו שרייען אין תחינות לייענען, פון צו ריידען אין שול אזעלכע זאכען וואס גיהערן ניט צום דאווענען:

העתק משט״מ

מודה אני הח״מ וחי״ו העיד עלי כמאה עדים כשרים ונאמנים, איך שאני הח״מ מכרתי במכירה גמורה וחלוטה את החיבור שלי חובת נשים על ע״ט, להרבני ר׳ יצחק ב״ר זיסקינד קאפעלאוויץ נ״י, וכבר קבלתי לידי דמי המכירה בשלימות, ועתה רשות בידו להדפיסו ולחזור להדפיסו ע״ע, בכל דפוס שירצה. ואין רשאי שום אדם, גם אני בעצמי או ב״כ להדפיסו בלי רשות ר״יק הנ״ל או ב״כ, וכל מי שיזיד להדפיסו בלא רשות ר״יק הנ״ל, עליו נאמר אנכג״ר מלבד שיענש כפקודת חוק הקיר״ה. ולהשומע יונעם ועליו תבוא ברכת טוב. ולראי׳ חתמתי יום ג׳ ארבעה ימים לחדש מרחשון הרל״ג פה ווילנא.

נאום **יקותיאל שפירא** מווילנא: